STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08587

SILUETN

Mordechai Miller

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרדכי מילער

סילועטן

(לידער)

דיר, מיין טייערע מאמע,
מיין ליבער פרוי, אסתר
און דיר, יחזקאל א. מ. בראנשטיין

Copyright 1927
BY MAX MILLER

פאר מיין אויג . . .

פאר מיין אויג שווימען אויף נייע טעג;
פאר מיין אויג בליען אויף נייע יאָר.
און איך, ווי א זייטיגער נאָר,
גיי מיט א זון אויף מיין וועג...

א ליכטיגער חלום זיך שפרייט,
שפרייט זיך אריין און ארויס.
איך גיי מיט א זון צו דעם טויט
זי לעשט זיך פאמעלאך דאָ אויס . . .

מיין לעצטע שעה

1

א, וואָס וועט זיין ?
א סילועט לעשט אוים מיין לעצטע שעה,
עס קאָן דאָך אנדערש דאָ ניט זיין.
לעש אוים אויף גיך מיין אויגנשיין,
פארלעש דאָס ליכט, דו שאָטן, דו ! . . .

א, וואָס וועט זיין ?
זאָל טונקל זיין ווי טונקל קאָן נאָר זיין !
פארדריי דעם לאָמפּ און שוויג אין זיך,
וויש אָפּ דעם לעצטן ווייטאָג שטריך,
אָ, לאָז פארגעסן מיך מיין פיין . . .

א, וואָס וועט זיין ?
א ליכטל ברענט און גייט דאָך לאנגזאם אוים,
ס׳קאָן אייביג דאָ ניט בליען דער בוים.
דעם וואנדערער ציט תמיד אהיים,
ער גייט אריין און גייט ארוים . . .

2

פארוואָס איז קראנק אזוי מיין הארץ ?
איך קאָן ניט זען דעם טאָג וואָס בליט שוין ערגעץ אויף.
איך ווייס אז ערגעץ קלאפּט דער טאָג שוין אָן,
אז ערגעץ וויקלט זיך ארוים די העלע זון,
ווען דאָ איז אומעטיג און שווארץ . . .

ערגעץ פלאמט שוין אויף דער מאָרגנרויט,
און דאָ ווערט טונקעלער און גרוי.
די ווייסע זעגלען גייען אָפּ —
ווי ווייַ . . .
עס איז שוין אזוי שפּעט,
זיי צינדן שוין די לעמפּעלאך דאָרט אָן . . .

3

פאַרוואָס איז שטיל אַזוי מיין בלוט ?
דער אָוונט פאַלט שוין צו,
די רויטע בלעטער ליגן אויף דער ערד שוין טויט...
די נאַכט איז דאָ,
די שטילע שעה,
אויך זי, די זון פאַרגייט . . .

פאַרוואָס פאַלט אַזוי מיין ברעם אַראָפּ ?
די ווייסע שיפן גייען אָפּ,
זיי צינדן שוין די לעמפּלאַך דאָרטן אָן,
און איך, אַ מידער, בלייב ביים ברעג דאָ שטיין . . .

אוי ווי איז מיר,
מיט מיינע אויגן זען,
ווי שיין עס לעשט זיך דאָרט אין ווייט . . .
מיט מיינע אויגן זען,
ווי ליכטלאַך צאַנקען אויס
אין מערב זייט . . .

4

אַ שוואַרצער וואָלקן ציט זיך איבער שאַרף,
ווי תּלף אין מיין הימל בלוי.
דיין קינד פאַרגייט אין שטילן ווי,
צו וואָס צעברעכן נאָך מיין האַרף ? . . .

ניט וויין אויף מיין נשמה-זון,
ניט בלייך דיין איידל צאַרט געזיכט.
אַ שאָד. איז וואָס אַז מ׳פאַרלירט —
אַזוי איז שוין פון אייביג אָן

אין בלייכן שיין . . .

אין בלייכן שיין באם ראנד,
זיך בלייכט א ווייס געזיכט.
זי הילט זיך איין אין זייד,
אין העלן בלוי געהילט . . .
איר שאטן אין דעם בלוי
איר אָפּשיין פון איר קאָפּ,
די בענקעניש אליין,
וואָס האָט זיך פריי צעשפּילט . . .

די בלייכע פינגער דין
געצערטלטע און ריין,
ווי ווײ, פארוואָס קומט מיר
צו זיין פון דיר געשיידט ? . . .
מיין שטילער צער וואָס גייט
מיט דיר אוועק אהין,
מיין אויסגעצערטלט קינד
וואָס איך אליין באלייט . . .

פארוואָס ?

פאַרוואָס מיין מזל איז אזוי פארשווארצט ?
פאַרוואָס אזעלכע טריבע טעג ?
אזוי איז שוין דאָס מאָנאָטאָנע לעבן מיינס,
אזוי איז שוין דער בלינדער מזל מיינס . . .
אין צימער טונקל איז אזוי,
א נעבלדיגער שאטן טאנצט ארום —
דאָס איז דער אָפּשיין פון מיין טרויער-אויג . . .
א דריבנער רעגן קלאפּט אין שויב ביי מיר
א גאנצן טאָג, א גאנצן טאָג !
וואָס-זשע וויל דער רעגן אָט-אָ-דער ?
עס איז די גאס אן אָפּגעראמטע איצט,
א לעבעדיגער מענש ניטאָ, ניטאָ . . .
און אין מיין צימער ציטערט אויף מיין הארץ :
ס׳פּלאמט אויף א שטילער פונק —
א הייסע טרער . . .

זון אונטערגאנג

בײם זוים, וואו הימל קושט די ערד,
פלאמט אויף א שריפה העל און שארף.
נאָר דאָ מיט מיר גייט נאָך מײן בליק
וואָס זעט אין ווייט און גליט אין זיך
דאָס וואונדערלאכסטע שווייגן . . .

דער פלאם איז אָראנזש רויט,
נאָר דורכגעוועבט מיט ווייסע לאנגע שטריכן,
און אין די שטריכן זעט זיך קלאָר א בלאס געזיכט —
וואָס אויסגעטרוימט האָב איך עס
אין די רגע־ס פון מײן שווייגן . . .

א בלאס געזיכט פון צארטעסטע חלומות שוועבט אין רוים.
ווי בלאס זי זעט אויס ! א הייליגע פארגייט . . .
איר פורפור שטראלנד קלייד,
באשײנט דעם מערב׳דיגן ראנד,
ווי שיין זי זעט עס אויס !

א ליכט זיך לעשט, א ליכט פארגייט,
א גרינער שטרייף, א פערל טרער.
א העלער שטריך, ניט מער, ניט מער,
א שטילער טויט . . .

קלאנגען...

אָ, שטילעס קינד, באַחנ'ט פון הייליגע פארלאנגען,
איך שיק צו דיר א לויב דורך אומעטיגע קלאנגען,
און זאָל מיין קאָפּ זיך בויגן צו דער ערד —
באוויינענדיג מיין בלויען חלום אין זיין שלומער...

זאָל שוועבן איצט מיין ליד ארום דיין קאָפּ,
מיין טיפסטער שווייגן און מיין טרויער.
בארירן וועט מיין שטילע ליד די לאָקן זייד —
וואָס פאלן צו מיט צערטלאכקייט,
ווי קושן צוויי, באדעקנדיג דיין שיינעם אויער...

נו, יאָ, פארגייסט, ווי וויי איז מיר.
נו, טאנץ דיין לעצטן שטראלן טאנץ פאר מיר.
עס פעלט נאָך איצט דיין הארף.
אָט נעם דיין הארף און שפיל אזוי —
אז איך זאָל פאלן מיט א לויב אויף מיינע ליפּן...

נו, גיי, טאנץ, און זאָל דער שטראלן גלאנץ
זיך גיסן איבער דיר און דיינע קלאנגען.
ווי וויי איז מיר, פארשפּילט א טאָג א זוניגן...
דער קארניוואל איז גרויס און שיין געווען,
נאָר איצט ענדיגט זיך דאָס שפּיל אין גיין,
פארגייענדיג אהין צו די פאָרהאנגען...

און איך?
יאָ, אויף א שטיין וועט בלייבן זיצן מיין געמיט,
און ווייגען שטיל צוזאמען מיט די פלאמען.
פון די אויסגעוועבטע זיבן הימלען וועט מסתם
א טויטער שטערן פאלן אין די ימ'ען...

און איך?
אָט מאך איך צו די אויגן דעקלאך מיינע,
ווייל מיד בין איך, בת־מלכה מיינע טרייע,
דער אָוונט פאלט, די נאכט פאלט צו,
ס'איז איינזאם מיר, דעם איינזאמסטן פון אלע...

ביים האַרץ פון דער וועלט

1

העי, פישער!
וואָס ברויזטו אויף איר ברוסט
מיט דיין רודערן שטאַרק?
שטעל זיך אָפּ, שטעל זיך אָפּ,
פאַרטראַכט זיך א ווייל —
פאַר דער טיפקייט פון אָרום,
אויף דעם צויבער פון דער וועלט...
פאַרטראַכט זיך א ווייל,
שטעל זיך אָפּ,
בויג דיין קאָפּ,
אויף דער ליכטיגער נאַכט...

העי, פישער!
אָט פלאַצט דיין מעכטיגע האַנט,
דיין אָנגעשטרייִנגטער מוסקול קניפּ,
וואַרט א ווייל,
שטעל זיך אָפּ,
בויג דיין קאָפּ...

2

ווען עס נידערט די זון אַריבער די בערג,
גייט אַוועק דער טאָג מיט א ליד,
גייט אַוועק א זוניגער שפּיל,
אַזוי פייערדיג שטיל,
אַזוי שיין צוליב דיר...

ווען עס נידערט די זון אַריבער די בערג,
פאַל איך צו צו דיינע פיס מיט פאַרבראָכענע הענט,
און צעוויין זיך ווי א קינד,
וואָס פאַרלירט אַזא שפּיל —
אַזא לויכטנדע שפּיל...

3

ווען עס שפּיגלט זיך אָפּ דיין געזיכט אין ים,
בלייב איך שטיין ביים ברעג,
און אָפּגעגאָסענער מיט לבנה שיין —
מיט א ציטער אין הארץ . . .

ווען איך שטיי צום ראנד פון דיין וועלט,
ווי צו מזרח געווענדט,
מיט די ארעמס צעשפּרייט,
זינגט מיין הארץ . . .
זינגט מיין הארץ אזוי שטיל ווי די נאכט,
זינגט דער וואלד און דער ים
אין דער נאכט . . .

4

מיט א ראָזעווען קאָליר,
ביי די זייטן מיט פּורפּורנעם שיין —
פלאטערט אום דיין געזיכט.
דיינע הענט ווי דער שניי,
ווי דאָס ליכט פון דער וועלט,
פארברעכן זיך איינס אין איינס,

איינס אין איינס . . .
דיין קאָפּ אזוי שיין,
בויגט זיך איין,
טיפט זיך איין
ווי אין זיידנס געהילט,
ווי אין אומעט געשטילט,
אין דיין אייגענער וועלט,
ביי דעם הארץ פון דער וועלט . . .

5

בויג דיין קאָפּ,
דו ווייסט ניט אצינד פון קומענדן ווינט,
דו רויכערסט די ליולקע געמיטלאך פארטראכט,
און דאָרטן אין מערב שוין לויערט די נאכט...

העי, פישער,
דיין פרוי איז מתפלל אצינד,
עס ווײנט זיך פאנאנדער דיין קינד,
עס ווייסט ניט פאר וואָס און פאר ווען,
אזוי ווי עס וואָלט עפּעס געשען...

העי, פישער,
אין מערב פארגייט שוין די זון
מיט גאָלדענע טריט אויבנאָן,
ניט גיי נאָך די טריט פון דעם פלאַם,
עס וועט דיך פארנארן דער ים . . .

6

א גאנצע נאכט האָב איך געקוקט
ארוים צום וועג.
און טיף אין הארץ האט זיך גערעגט
א שווארצער שרעק . . .
דאָס לעמפּל האָט געברענט ביז טאָג
דעם קעראָסין.
דאָס לעמפּל האָט געזשיפּעט: ששש...
א בר-מינן . . .
דאָס קינד האָט אומרואיג געוויינט
א גאנצע נאכט
איך בין געזעסן ווי פארשטיינט,
און ניט דערוואַרט . . .

7

עס וויינען ווילד די הונגעריגע וועלף,
דאָס שארן זיי זיך ווילד ארום מיין טיר.
די שווארצע נאכט פארנעמט ניט איצט מיין רוף,
עס גרייכט מיין תפילה ניט צו דיר .

איך זיץ אליין מיט מידע הענט פארלייגט,
און הער זיך איין צו יעדן שאָרך און ריר.
מיין ווייטער בליק זיך אומרואיג באוועגט,
און ווערט פארלאָרן ביי מיין טיר . . .

8

איך בין געזעסן ביי דעם ליכט
אן אומעטיגער טיף פארווירט.
דאָס בלוט אין מיר געגליווערט האָט,
ווען איך געבעטן האָב צו גאָט.
אדורך דעם פענסטער האָט געקוקט
א שווארצער פחד פון דער גאס,
און אָן רחמנות האָט געקלאָגט
א נאסער הונט פון רעגן נאס . . .
דער זייגער מאָנאָטאָן און שטיל
האָט אויסגעקלאפט די מאָרגן שעה,
איינס, צוויי, דריי, עס איז שוין פיר,
און דו ביזט נאָך דערוויל ניטאָ.
— — — — — —
— — — — — —
און דו ביזט נאָך דערוויל ניטאָ.

9

שטיל שוין אין דיין שטיל געוויין,
שלאָף כאָטש איין א רגע בלויז.
עס שלאָגט דער טאָג אין פענסטער שוין,
מ'זעט שוין ליכט אין שכנ'ס הויז . . .

שטיל שוין איין דיין צער און פיין,
דער רעגן האָט שוין אויפגעהערט . . .
מ'זעט שוין אן א העלן שיין,
ליכט האָט זיך שוין אומגעקערט . . .

האָב איך אמאָל געלאכט

1

האָב איך אמאָל געלאכט,
צי פּלוצים זיך דערפרייט, —
האָט גלייך אַן אומעט-ווינט
מיין ריינע פרייד באגלייט.

און ווען א מילדער שטראַל
געקומען איז פון ווייט,
האָט אים געטויט מיין בליק
פון טיפער איינזאמקייט.

2

מען זאָגט : א מענש קאָן פריילאך זיין,
ווען נאָר ער וויל, ווען נאָר ער גלוסט...
זאָג איך אז דאָס איז אויסגעטראכט —
סיי פרייד, סיי פּיין קומט אומבאוואוסט...

ווען דו נאָר קומסט אהער אראָפּ,
בוייגסטו דיין קאָפּ פאר שיקזאַל'ס וואָרט...
די זון זי לויכט, נאָר ווען זי לויכט,
איז ליכטיג דאָ איז פינסטער דאָרט...

3

אייביג אי פון אָנהויב אי ביים סוף,
וועט איינעם גוט זיין איינעם שלעכט...
איבער איינעם לויכטן טעג,
און איבער איינעם גרויען נעכט...

צו איינעם גייט דער וועג מיט פרייד,
און איינער גייט אין וועג מיט שרעק.
פאר איינעם איז דער וועג א שפּיל,
און איינעמס וועג האָט גאָר קיין ברעג...

4

אלע אינאײנעם זײנען מיר,
נאָר אײנער טײלט זיך אָפּ אמאָל...
אַט זײנט איר אװעק צו פרײד,
און מיך געלאָזט אין יאָמער־טאָל...

גײ איך אום א פרעמדער דאָ,
דריקט די שװײגזאמקײט מיך שװער,
װערט מיר שװערער, אזױ שװער,
װער איך דאָ פאראײנזאמטער...

מײן בענקשאפט . . .

טיף אין אָפּגרונט פון מײן הארצן שװעבט א בענקשאפט,
װען ניט װען װאכט אויף מײן בענקשאפט,
װארפט זיך דורך װי פון דרימעל,
און פארגײט זיך אין א װײנען...

קײנער זעט ניט אָן מײן בענקשאפט.
טיף האָב איך איר דאָרט באהאלטן...
מענשן זעען װאָס איז נױטיג,
נאָר זײ זעען ניט מײן בענקשאפט.

מענשן זוכן גרױסע טײכן,
מענשן זוכן גרױסע ימים,
אין די טײכן פיש צו כאפּן,
אין די ימים שיפן טרײבן, —
דאָס װאָס זײ איז נױטיג . . .
נאָר דעם שטילן קװאל װאָס פליסט זיך
ערגעץ װײט פון מענשנ׳ס אויגן,
זוכט ניט קײנער, זוכט ניט קײנער . . .
מיט דעם מאָרגן ליכט גײט אויף דאָס נײע לעבן,
װער עס איז מסוגל קאָן די ליכטע טריט דערהערן.
גאָט האָט אויסדערװײלט דעם טרױמער
און די װאנדערער אין לעבן.
גײט דער װאנדערער אין זון, אין רעגן,
און דער טרױמער דורך אילוזיעס,
צו באגריסן יונגע קינדער בײם געבוירן . . .

עס טרעפט אמאָל א נס דעם צווילינג,
דורך א שטילער נאכט א לאנגער,
ווען זיי וואנדערן אויף וועגן,
זוכנדיג א שטילן ברונעם,
נאָר די ליפּן צו באנעצן,
זוכן זיי און זיי געפינען . . .

ווען זיי קומען צו צום זייט-וועג,
פּזיסן שטראָמען שטילע, ריינע,
אין געמורמל ווי פון זיידנס . . .
טרוליע - ליוליע, ליא ליליוליע . . .
איך האָב וואסער אייך צו שטילן,
אייער גומען און די ליפּן . . .

שטייען גרויסע בערג ווי ריזן,
איינגעהילט אין גרינע מאנטלען,
און זיי האָרכן איין זיך צום געמורמל.
גרינעביימער, אלט אין יאָרן,
שטייען ערנסט ווי פארטראכטע,
ווען ניט ווען א שטילן ציטער,
גיט אן אלטער זיידע . . .
פון די צווישן בערג די הויכע,
גייט ארויס די זון א רויטע,
און באגאָלדיגט די אומגעגנט.
שטייט דער טרוימער אין זיין בענקשאפט,
ווי פאר׳חלומ׳ט, ווי פארגאפט,
אין א שטילער תפילה . . .

פּליסט דאָס קוואלכל שטילער, שטילער,
שטיפן אום די שטראלן . . .
וועבט די זון א נעץ פון שטראלן,
אין מיין טיפער בענקשאפט . . .

איינער אליין

ווייל דער ווינט טראָגט אוועק מיין זיפץ ווען איך בין אליין,
און די פיר ווענט הערן אוים מיין געוויין,
ווייל א פייגעלע פליט אוועק צו אן אומבאקאנטן ברעג,
און א קוואלן־פלוס אונטער דער ערד מאכט זיך א וועג
נאָר איך בלייב צווישן מיינע פיר ווענט,
אין אליין, אין אליין . . .

פון באגינען גיסט זיך אוים א טאָג פון זיבן זונען,
און עס הויבט זיך אָן מיין לאנגווייל זיבן מאָל זיך שפינען,
ציען זיך די שעה׳ן, —
ניין,
זיי קריכן אומעטיגלאך, לאנגזאמער און באנג —
ווי די אָקסן דריגלענדיג — — — —
. . א לאנגער טאָג, אזא מין אויסגעצויגענער, ווי לאנג !

עס בלייבט . . . *

עס בלייבט דער שטראל ניט פערמאנענט,
ווי גיך ער שווינדט, ווי גיך ער גייט.
ער לאקערט אויף און ווערט פארברענט,
אין נעבלהיל מיין שיין פארגייט . . .

איך מאך די אויגנדעקלאך צו
און לייען עס נאכטיג, אָט־אָ דאָ;

עס בלייבט דער שטראל ניט פערמאנענט,
ס׳איז אלעס איינס, אהין צי הער.
איך טרעף זיך אָן מיט שטומע ווענט,
וואָס לאָזן צו: ביז הער, ניט מער . . .

דער זומער . . .

דער ווינט האָט געשפּילט אויף א פלייט,
און דער זומער האָט זיך געפרייט.
אויפ׳ן פעלד האָט גאָלד זיך געשפּרייט,
פון שטראלן און האָפענונגס פרייד . . .

א זאנג צו א זאנג האָט גערעדט,
זיי האָבן געשטיפט און געלאכט.
פון פרי ביז אין אָוונט גאָר שפּעט,
דערנאָכדעם געשלומערט די נאכט . . .

אזוי האָט דער זומער געשיינט,
געצייטיגט אין זונליכט און טוי.
דערנאָך איז געקומען א האנט,
און צעשניטן דעם זומער אויף שטרוי . . .

איך האָב אויך אמאָל געבליט

איך האָב אויך אמאָל געבליט,
א קרוין פון פרילינגס טעג געטראָגן.
ביים שיין פון ערשטן שלאג פארטאָג,
האָב איך געוואַרט פאר זונען גליט.
און ווען שאריען האָט גענומען,
האָט ביי מיר דאָס הארץ געשלאָגן . . .

איך האָב אויך אמאָל געבליט,
ווייל אויפגעגאנגען איז מיין יוגנט.
אויף דעם טוי און אויף די זונען . . .
וואָס קומט ארוים מיט דעם שאריען ?
ס׳האָט דאָך סיי ווי סיי קיין זינען . . .
ווייטער, ווייטער ווי געטריבן,
סיי ווי סיי איז שוין פארשריבן,
אז עס גייט אוועק א לעבן,
אז איך וועל צוריק ניט קומען . . .

איך וואנדער מיד

איך וואנדער מיד, אן אָפּגעבערענטער פון דער זון,
באָרוועס, אומבאשוכט, עס רינט דאָס בלוט . . .
גרויסע אויגן האָב איך, אָה, אזעלכע גרויסע,
דינע טרערן, אָ, אזעלכע צארטע, און זיי פילן
האָרכן מאָנען . . .
ווייסע טרוימען ציטערן אין מיר,
זילבערדיגע פליגלדיגע בענקשאפטן וואָס צאפלען זיך . . .

דאָס ליד פון דער פרעמד

1

עס האָט מיך די באן אויף א סטאנציע געלאָזן,
און האָט זיך גענומען וויכערדיג יאָגן.
עס האָט מיך די באן אויף א סטאנציע פארטראָגן.

און דאָ האָבן מענשן אויף וועמען געווארט,
נאָר ס'האָט זיי די באן ווי תמיד גענארט . . .

2

איך האָב זיך געלאָזן מיט וואקלענדע טריט,
ווייל ס'האָט דאָ א פראָסט מיין פנים געגליט . . .
איך האָב זיך געלאָזן מיט שטרויכלענדע טריט
מיט בליקן פארבענקטע געווענדט צו דער ווייט. —
ס'האָט אויך ניט געפעלט א שטוך אין דער זייט . . .

3

געגאנגען בין איך אויף די פעלדער פארשנייטע,
ווייל ס'האָט זיך מיין הארץ צו דער ווייטקייט געצויגן.
דער שניי האָט געבלענדט די זוכנדע אויגן,
ס'האָט די לבנה געבליפּט א פארשייטע . . .

פון ווייטנס די הייזלאך האָבן געפונקלט,
דאָ זיך געלאָשן, דאָרט אויפגעגאנגען.
מיין זעל איז אין פעלד אויף שניי אויסגעגאנגען,
ס׳האָט אין א הייזל א ליכטל געטונקלט . . .

4

ווער עס דערזעט מיך גליווערט פון אימה,
איך האָב דאָך דאָס ווייסקייט מיט טרויער באפלעקט.
ס׳איז שרעקנד מיין טרוקענע טויטלאכע שטימע,
דער בליק פון מיין ווען אלעמען שרעקט . . .

עס ציען זיך וועגן אומענדלאכע ברייטע,
און ווייט דאָרט אין מערב דער טאָג לעשט זיך אויס.
אין הימל זיך ציינדן נשמה׳לאך רויטע,
עס פינקלט מיין טרויער פון פייער ארויס . . .

עס רינגלען ארום דאָרט וואָלקנדלאך שטילע —
דעם פייער צעגליטן, ווייט ביי דעם ראנד.
אזוי ווי די אידן יום כפור צו נעילה —
בלייכט זיך מיין טרויער אין פראָסטיגן לאנד . . .

5

ס׳האָט ווער מיט שניי פארשאָטן די וועגן,
עס האָט די לבנה באהאלטן זיך וואו.
איך וועל אויף די שנייען די אומעטן לייגן,
און זאָל זיך זיי דוכטן אז איך בין ניטאָ . . .

מיין שטעקן אין האנט — — — אין שנייען, אין שנייען,
זאָל זיך זיי דוכטן אז מרדכי איז טויט.
פרי מיט באגינען וועל איך אויפשטיין,
און ווידער צעבלאָזן א פייער אויף רויט . . .

6

איך וואנדער ארום שוין פון טויזנטער יאָרן,
און אומעטום לאָז איך א שפור פון מיין טראָט.
ס׳האָבן די פעלקער געלאכט פון מיין גאָט,
נאָר איך האָב מיין גלויבן ביז איצט ניט פאָרלאָרן . . .

עס האָבן די וועלט־פּרעסט דערגרייכט צו די גלידער,
ווען איך בין געגאַנגען משוגע׳נערוויַיז.
דעם קאָפּ אויפגעהויבן, אמאָל צו דער נידער,
אליין ניט פאַרשטאַנען מיַין הימלישע גרויס . . .

7

א פֿייער צעליַיגט, א רויטלאַכן פֿייער,
און זאָל זיך עס ברענען אין גרוילאַכן לאַנד.
ס׳וועט אויפגיין א ליכט ביַים שלאַג פון דעם מזרח,
וועל איך עס דער ערשטער דערזען ביַי דעם ראַנד.

א נאַכט וועל איך ווערטן, א גאַנצענע נאַכט.
א וואָגלער מעג וואַרטן, נישקשה, ער מעג...
דער טויער פון הייַמלאַנד פאַרריגלט איז שטאַרק,
נאָר איך צי זיך צום טויער; כ׳בין אויפ׳ן וועג...

8

דאָס לאַנד איז ברייט, עס ציט זיך וויַיט,
און אויף דעם לאַנד א פרעמדער גייט.
עס טראָגט א זאַווערוכע זיך —
איך גיי!

עס שרייַט די סטעפּ אין ווילדן דריי,
עס פייַפט דער ווינט א פייַפעריי,
עס קלאָגט און וויינט דאָס וויסטעניי —
איך גיי!

די הימלען פאַרבן זיך אין שוואַרץ,
עס שלאָגט מיַין האַרץ, ס׳איז גרינג מיַין האַרץ —
איך גיי!

פון וויַיטנס בלאַנדזשעט אום א ליכט,
אַן איינזאַם ליכט, אַן איינזאַם ליכט . . .
ס׳האָט מיַין זעל א טרייסט דערשפּירט —
איך גיי!

9

אין ד׳רהיים זיצט מיין מאמע ביים פענסטער און ווארט—
ס׳ווערט אפשר זיך יאווען איר זון פון דער פרעמד...
מיין אויסזען באווייזט זיך אין שטראליגן ליכט,
דאָס האָט מיך איר דמיון אויף פליגלען געבראכט.

זי קוקט אויף איר זון מיט פארבאָרגענער פרייד.
אָט נעמט זי זיך גרייטן פארשפרייטן דעם טיש...
דער זון איז געקומען א מידער פון וועג —
זי וויל עפּעס זאָגן, פעלן אוים רייד . . .

נו גיי זיך שוין וואשן — עס זאָגט מיר איר בליק,
כ׳האָב נאָר וואָס פון ברונעם דיר וואסער געבראכט.
אבי ביזט געקומען, געלויבט איז זיין גרוים,
אבי ביזט שוין דאָ אין מיין אלקער צוריק . . .

און אדאָ איז דיין בעט, גיי לייג זיך אוועק,
און ווען דו וועסט אויפשטיין וועט טיי זיין געגרייט.
זאָל רוען דיין קאָפּ, איך ווייס דו ביזט מיד,
צי האסטו דען האָניק געלעקט אויף דיין וועג? . . .

פיאנאָ קלאנגען . . .

כ׳האָב ליב די פיאנאָ קלאנגען.
נו שפּיל דעם חלום-טרוים דעם ווייסן,
שטילער, ווייכער.
ביים טיש, מיט די עלנבויגן אָנגעשפּארט,
אזוי וויל איך זיצן,
און הערן דעם רונדן ווייסן קלאנג,
און שווייגן,
שווייגן . . .

ס׳זיינען דאָ אין איר אזעלכע ברויזנדע, אויפרעגנדע פארלאנגען,
וואָס נאָגן טיף,
און פילן אָן מיט סם מיין הארצנס בעכער.

פון אלע שטומע טרויערן וואָס גנעסטן זיך אין מיר,
וויקלט זיך ארוים דער שארפסטער טרויער
דורך א קלאַנגענבאַנג.
ער לאָזט ניט אָפּ, —
איך מוז בלייבן.

בלייבן, נו גוט,
דו וועסט שפּילן, איך וועל הערן.
נאָר אזוי צארט, אזוי שטיל זאָלסטו שפּילן,
כ׳זאָל אזוי אומעטיג טרויעריג פילן,
ביז בלוטיגער, הייסער, וועל איך דערשפּירן
די לויכטענדע טרערן . . .

צו מיין שוועסטער

שפּיל, מיין שוועסטער, אויף דער פּיאַנאָ —
וועל איך קושן דיינע פינגער.
ווייס: דיין ברודער איז א זינגער,
האָט ער ליב די פּיאַנאָ קלאַנגען . . .

שפּיל, מיין שוועסטער, אויף דער פּיאַנאָ:
ס׳ווערט דערביי מיין ליד באַ׳חנ׳ט.
פון דיין שפּילן ווערט באַלויכטן
מיין נשמה-לאַבירינט . . .

שפּיל ,מיין שוועסטער, אויף דער פּיאַנאָ,
כ׳האָב די קלאַנגען אזוי ליב.
דורך די קלאַנגען ווערט דיין ברודער
פרייליך-אומעטיג און טריב . . .

שפּיל, מיין שוועסטער, זיסע באַנגען,
אָט אזוי, פאַרטראַכטערהייט.
דיינע פינגער מיר דערציילן
פון אַן אומעטיגער פרייד . . .

דער היינטיגער נביא . . .

ער איז א פאר׳איינזאמטער נביא,
די וועלט איז א מדבר פאר אים;
זיין שטענדיגער שווייגן זיך טליט,
זיך טליט און טרויערט אין אים . . .

דאָס טיפקייט, דאָס ברייטקייט, דאָס ווייטקייט, —
ער האָט נאָך די דריי ניט באַרירט.
ער שטייט אויף דער שארפקייט פארלאָזן, —
פארלאָזן, פארלאָרן, פארווירט . . .

ס׳איז טונקל דער שיין אין זיין טרויער:
עס בליט ערשט זיין בראנדיגער וויי.
ניט ער דערציילט זיינע פיינען,
ניט ער דערפירט אונז צו זיי . . .

דאָס וואָרט הויבט ניט אויף זיינע טרוימען,
די רייד בלייבן טויט אין זיין מויל;
פארוואָגלטע רייד זיינע קראנקע,
פארבאָרגענער וואונדיגער גרויל . . .

ער איז א פאראיינזאמטער נביא,
א נאָך-ניט פארהיימישט געפיל;
ווי א פרעמדער צווישן אונז אלע,
פארפרעמדט צו זיין אייגענעם ציל . . .

ווינ‍יפעג

ווי דורך א חלום אויפגעגאנגען איז די שטאָט
און אָפגעשפיגלט שיין ביינאכט די ווייטקייטן.
פון יעדן פענסטער האָט געפינקלט ריין דאָס ליכט
און זיך געצויגן ווי דאָס צפון-ליכט...
ביי טאָג האָט זיך געהערט א שטיל גערויש,
און ווייטע עכאָס פון די האמער-קלעפ...
נעגל האָט מען אויסגענוצט פאר ווענט און דאך,
און אויפגענומען פרעמדע יעדן טאָג מיט פרייד:
אזוי האָט זיך צעשפרייט די שטאָט אינמיטן פעלד
און אויסגעוואקסן דורך א נאכט . . .

ביים בעטעלע

1

אז עס פאלט מיר צו דער אומעט,
שאר איך זיך צו צום קינדס בעטעלע
מיט ציטערדיגע הענט,
און גלעט זיין קעפּעלע.

דאָס פּנים׳ל גלאַט,
א מלאכ׳ל ריין.
קוק איך לאַנג און פאַרזיכטיג
ווי א גנב אין דער נאכט — — — —
ניט אויפוועקן, ניין . . .

די מאמע זאָגט :
וואָס טוסטו דאָרט ?
גיי נאָר אוועק.
אזא הייסער טאטע ביזטו —
פון ווען אָן ?
שווייג איך ווי פארשעמט —
ניט אויפוועקן, ניין . . .
— — — — — — — — — —

2

און איך טראכט :
וואקסן זאָל ער מיר,
אָט דער ווי״סער־חברה׳ניק,
ווי אלע דאָ אין בר״יטן פּריירי לאנד.
דאָס שפּיל פון אויבנאָן,
מיט רחבות׳דיגער האנט,
דאָס אויג א זון אין טאָג געווענדט . . .

סער איז נאָך יונג ווי א קאנאדער געזאנג,
יונג אזוי — — —
ווי ווייסער פראָסט וואָס ברענט.
און ווילד איז ער ווי ווינט —
וואָס לויפט אין מערב לאנד . . .

הא־הו — — —
אז ער צעוויגט זיך דאָ
מיט הייסן בלוט !
איז ווי דער סקריפּ אויף הארטן שניי
אין ווינט־געלויף.

א ווייכער — פלאם — און ברען,
ער קרייזט אזוי אין שוואונג,
דער לאָבוס יונג . . .

דערפאר אז ער איז גוט,
לייכט ער, שמייכלענדיג און שטאָלץ,
זיין בליק איז לויטער חן —
ווי פון צפון־ליכט וואָס בלענדט
אמאָל אין בלויע נעכט . . .

3

אויב ס׳איז דיר באשערט
צו זיין דער פרייער יונג,
טאָ ציטער זאנג אין פעלד.
מיט קראַפט און האפט, מיין קינד,
פאַראַיס דעם שפּאַן —
געשווינד ! . . .

א שמייכל צו דעם טאָג,
א לויטער אויג אין פעלד,
מיט כוחות אין דער וועלט !

4

דערווייל מיין קינד, שלאָף און רו,
וועסטו אויפשטיין פריש און גוט.
אין דער מאָרגנדיגער שעה,
גרייט די מאמע מילך צו.

אויך א שטיקל פרישן "טאוסט",
צוגעברוינט און צוגעגרייט.
טאטע־מאמע זאָרגן שוין, —
שלאָף מיין קינד, געזונטערהייט . . .

*

* *

דאָס לאַנד איז פריש און יונג,
א זאַווערוכע בלום.
ס'איז פול מיט זאַנג און זונג,
אַריבער וואָך און רהום . . .

אַזויפיל מייל,
אַזויפיל טריט.
א יעגער דאָרט,
א סוחר דאָ —
א קראַם אין מיט . . .
אין צענטער אָדלער בליק
און ווער עס גייט,
און ווער עס פאַלט —
נאָר ניט צוריק . . .

דער פראָסט ער ברענט
א פייער אויפ'ן שניי.
צעוואַרים זיך די הענט און ווייטער גיי . . .

ביזט געקומען

1

כ'דאנק דיר, מוזע, ביזט געקומען
אויף דעם פראָסט צו רייטן.
ס'האָט א מלאך גאָר א ווייסער,
דיך געבראכט פון ווייטן.
זאָגט דאָס קול פון ווייסן מלאך :
העי ! א ווינטער ליד גרייט אָן שוין,
יונגער דיכטער טרוימער.
זאָל דיין ליד אויף ווייסע לייבן
זיין דעם ווינטערס שומר . . .
נעם צוויי אָדלערס פון דיין דמיון,
יונגער קינד פארשייטער . . .
שיק אוועק די ווינטער גרוסן
ווייטער, ווייטער, ווייטער . . .

2

דער גאזלאמפ שופעט,
רופט ארוים אין מיר א בענקשאפט,
נעם איך זיך צו טינט און פעדער.
כ'וועל מסתם א ליד אָנשרייבן,
נאָך דעם אָנבליק פון מיין ענגשאפט . . .
דער גאזלאמפ שופעט,
זאָל ווער קומען כאָטש א איינער,
אין א שווארצן טויטן מאנטל,
שרעקן, טויטן די געפילן...
דער גאזלאמפ שופעט,
קיינער קומט ניט אין מיין צימער.
דאָרט אין דרויסן ווינט דער ווינטער,
פאלט אן אומעט אויפ'ן הארצן
ווי א משא שווערע שטיינער . . .

* *
*

1

מיינע אויגן זעען פאליעס בליצנדיגע
פייערלאך וואָס צינדן זיך און לעשן,
חלום'דיגע מעלאנכאָלישע מיראזשן,
טאנצן אוים ווי ליליפוטלאך און ווי ריזן . . .

2

בין אויסגעוועזן אויף יעדן גרויסן שטיין.
און אויסגעזען די וואונדער פון געמעלן.
דער הארטער שטיין האָט ניט פארנומען דאָס געוויין,
די בילדער איז מיין שמייכל ניט געפעלן . . .

3

מיין מאמע איז אריינגעקומען פלוצים,
אריינגעבראכט דאָס פרישקייט פון דעם דרויסן,
האָט אויפגעוואכט צום ליד דאָס יונגע לעבן,
און ס'האָט אין שווער געמיט אצינד פארגעסן . . .

חורבן

זוי אן אומרו
וועט זיך א רויטער פלעק
וויגן הין און הער.
א רויטער שטראָם
אייביג וועט אייך שרעקן —
איך, דער וואָגלער, שווער ! . . .

אין אלע לעכער

אין אלע לעכער שטופּן מיר זיך צונויף ווי די מייז
און מיר צינדן ניט אָן קיין לאָמפּן . . .
זאָל פינסטערער זיין ווי פינסטער קאָן זיין ! . . .

און ווען אונזער זויגלינג א פּיסטש טאָן,
פאַרשטאָפּ אים דאָס מויל מיט דיין ביינערדיגער האנט;
זאָל זיין שטיל ! . . .

ניט באַקלאָג זיך פאַר זיי.
ניט פאַר אים.
ניט בעט קיין רחמים !
דאָס מויל וואָס וועט קושן די האנט פון הײדאמאַק
צי פון פּוילן־פּאַליאַק
זאָל שטום ווערן,
שטום ! . . .

מיין סך הכל . . .

ס'איז מיר פאַרבליבן לעכערדיגע לעכער,
וועגט מיט לעכער,
פּוסטע לעכער,
לעכער אין די דעכער . . .

לעכער אין די אויגן,
לעכער אין די הײמען,
וויסטע טעג פון גאָרנישט, —
סם אין יעדן בעכער . . .

מיין קול . . .

כ׳האָב אָנגעשארפט מעסערדיג מיין קול,
און וואָלפיש אָנגעשארפט די אויגן,
זאָלן זיי זעען ! זאָלן זיי הערן !

דאָס שטילע געוויין פון מיין זשיפענדיג קינד
הערט מען ניט.
מ׳הערט ניט די טריט פון מיין טאטן דעם אלטן,
מ׳הערט ניט דעם זיפץ פון מיין מאמען דער קראנקער.
ס׳איז שטיל אונזער לעבן
אזוי ווי דער טויט . . .

קום שלאָג . . .

העי ! העי ! העי !
הײדאמאק !
קום שלאָג זיך מיט מיר איינס אויף איינס,
ווי א בלוטיגע חיה דארף טאָן !

דו טויזנט האנטיגער :
עס איז דאָך ניט קיין העלדישקייט
צו שלאָגן הילפלאָזע.
ס׳איז דאָך ניט קיין מוט
וואָס שלאָגט די זויגלינגען...

העי! העי!
הרג׳ענען די קינדערלאך איז גרינג . . .

עשו . . .

איך קאָן דאָס געזאנג דיינס,
איך קאָן דיין אומגעלומפערטע פרייד.

איך קאָן דיין שווערן טראָט,
דיין וואקלענדיגער שיכור׳ער טראָט,
דיין נארישע געמבע, —
דו חיה עשו ! . . .

רויט...

די פיסעלאך פון מיין קינד
זיינען ווי שטעקעלאך צוויי.
אזוי לייכט איז מיין קינד,
גיב א הויך און א וויי!...
די בעקעלאך פון מיין קינד
זיינען בלייך און אביסעלע רויט.

אזא רויטקייט!
(פון וואנען דערנעמט זיך אזא רויטקייט?...)
פארוואָס זשע הילסטו ניט איין, מיין קינד,
מיט דיין איינציגן גענאַד,
מיט דעם טויט?...

א מאמע בין איך,
האָב אויגן אזעלכע בייזע,
און דו ביזט דאָך אזא גוטער פּאָטער אין הימל...
האָסט מיר געגעבן א האַרץ,
אזוי קאַלט און פארשטיינט...

פון וואנען דערנעמט זיך אזא רויטקייט?

דאָס נייע וויג ליד

ניט וואַרף זיך מיט די דאַרע פיסעלאַך,
די אויגעלאַך פאַרמאַך,
דאָס מיילעכעל פאַרטרוקנטע פאַרקלעם,
מיין קינד.

גאָט וועט זיך דערבאַרימען,
וועט אָנשיקן א שלאָף א רואיגן,
אליע ליו ליע — — —
ליו ליע ליו — — —

דרימלענדיג . . .
שפּיזן שטעכיגע,
א פראָסט אָן אייזערנער,
און די זון א שטעכיגע.

ברוסטן טרוקענע,
בלויע טאָרבעלאַך,
שנייאיג ווייסינקע,
נאָר קיין מילך ניט . . .

אמאָל

עס איז געווען אמאָל א העלער טאָג,
ווען איך האָב מיט מילך דיין ליכטיג פּנים'ל געוואַשן,
האָבן די אויגעלאַך געשיינט אויסטערליש,
און די ליפּעלאַך זאַטינקע געשמייכלט . . .

האָט א מלאכ'ל זיך געשפּילט אין דיינע אויגעלאַך,
און א שטראַל אין דיינע הענטעלאַך . . .
אליע ליו — — —
ליוליענקע — — —
דרימלענד קלעפּן זיך די קראַנקע אויגעלאַך,
און עס פרירן דיר די הענטעלאַך . . .

א פייער

עס האָבן די הייזער געפלאַמט און געברענט,
פון איין עק צום צווייטן ליכטיג געגלאַנצט.
אין מיטן די אידן ווי מייז אין א שטייג,
האָבן פאַנטאַסטיש משונה געטאַנצט . . .

א רינג און א ראָד און א גאַנג אַזוי הייס,
און עפּעס א קול א ווילדער פאַרגייט,
אַזוי ווי געבראָטנס, געבראָטענע פליישׁ —
פילט זיך די שריפה, דער פלאַמיגער טויט . . .

אויף די אומוועגן

ציט איינער אַהער און איינער אַהין,
גייען זיי אַלע צעזייט און צעשפּרייט,
איינער צום וואַסער, איינער צום אָפּגרונט
אַלע צוזאַמען צום בלוטיגן טויט . . .

א איד מיט דעם גלויבן,
א איד מיט דעם וואַנזין,
אויף אַלעמענס ליפּן:
וואו לויפט מען וואוהין ? . . .

אַן אבל . . .

ס'איז שווער צו ברייגגען
א טרייסט צו אַן אבל, —
ווען דו ביזט אַן אבל אַליין . . .

ס'איז שווער אויסצוקושן
טרערן דעם ברודערס, —
ווען דיך שטיקט אין האַלז דיין געוויין . . .

אויף דעם טורם . . .

אויף דעם טורם שטייט אָנגעשפּאַרט
דיין זון, דיין שטילער זון.
זעט ער ווי אַ מענגע קוקט אויף
אין ווייטאָגדיגן צער, אין שטילן צער . . .

פאַרגעסט דיין זון אַז ער איז בלויז
אַ מענש, אַ ביין און בלוט,
וויל ער טרייסטן זיי,
און קאָן ניט עפענען זיין מויל . . .

אונזערע געצעלטן

דער קאַלטער ווינטער האָט זיך אויסגעשפּרייט
און לאַנג אָן איינגע'עקשנט'ער געשטאַנען.
אויף אַלע דעכער בערג מיט שניי פאַרווייט,
אויף אַלע פענסטער וויים,
דאָך בלינד מיט אייז באַדעקט.
ווען ניט ווען זיך מערקן די שאָטנדיגע מידע טריט
וואָס גייען נאָך אַ שוואַרצן אָרון.
שטילער. שטילערהייט, אַ וואָרט ניט אויסגערעדט.
דער ערנסט בלויז זיך שלייכט אַרום די פּלעקן פון די בערד
און טרויעריגע אויגן . . .

ווייס — — — — — — —
ס'דרימלט זיך אַ קראַנקס דאָס ווינטערדיגע שטעטל.
אַ יעדער דאָך זעט אויס אַ פאַלנדיגער ווי אַ מידער קאָפּ . . .
און ווען אַ זאַווערוכע פייפט אַ טויזנט פייפלדיגע ווילדקייט,
וואַכט אַ יעדע שויב.
און אַלע פּוסטע קוימענעס צעוויינען זיך מיט ווילדן יאָמער . . .

ייי — — — ווי וואַי — — — אַזוי ווי וועלף.
מידע, בייזע, אַנגעטריבענע פון אַלע ווייטן
לויפן זיי אַרום אין אונזערע געצעלטן . . .
זיצן זיך די מאַמעס האַלב פאַרשטאַרטע
צוגעפּראָרן ביי די וויגעלאַך די טויטע,
ביי די וויגעלאַך פון וואַנזין . . .

דער קוימען

ניט עס וויינט דער ווינט אין קוימען,
ניט איך האָב א קוימען.
איבער וועגן שפּרייזט דער טאטע
איבער דערנער צוימען . . .

וועט ער קומען וועט ער טרעפן
מיך און דיר פאַרפראָרן.
וועט ער גאליג זיך באוויינען
וואָס ער איז געבאָרן . . .

איינער פון דער מאסע

איך זאָל אויסשפּרייטן מיינע הענט
און בעטן צו דיר פאַר מיין רעכט,
וואָלט לעכערלאך זינלאָז געווען,
דו זעסט קלאָר דעם רצחן וואָס שענדט,
דו הערסט דאָס קלאָג ליד פון דיין קנעכט,
און שווייגסט ווי גאָר ניט וואָלט געשען . . .

אָט דער שטילער פאַראיינזאמטער
וועט זיך צו דיר ניט ווענדן מער,
ער האָט ניט מורא פאַר דיין שטראָף,
כ׳בין צו דיר א פאַרלאָרענער,
כ׳האָב אויסגעוויינט מיין לעצטע טרער,
און שטום וועט זיין צו דיר מיין רוף . . .

אלץ שטארבט אָפּ

אלץ שטארבט אָפּ,
און אויב עס שטארבט ניט,
טויט עס מיט די הענט,
און איז פאַרבליבן נאָך
א שרעקעדיג געפיל —
פארברענט ! . . .

געדענקסטו נאָך
א שטיקל גאָט פון פריער,
פאָרגעס !
צו פינקלען דען די ליכט
פון לעבעדיגן מת ? . . .

די האנט פון דעם הארץ . . .

אָט נעם איך אוועק די האנט פון דעם הארץ
און ווייש אָפּ א טרער.
איך זע ווי זיי גייען דערשלאָגענע אום,
נו זאָלן זיי גיין!
קיין לאָמפּן ניטאָ, אין שטיבל איז שווארץ.
מ'זיצט ווי פארגליווערטע שטיל,
און מ'שווייגט . . .
אזוי גייען אוועק די טעג און די נעכט,
נו זאָלן זיי גיין,
עס ארט מיך ניט מער . . .

אָט נעם איך אוועק די האנט פון דעם הארץ,
און מאך צו מיין מויל.
דאָס קינד זאָל עס וויינען,
ס'וועט ווערן פארשטומט . . .
מיין אויג איז פארמאכט,
מיין אויער פארשטאָפּט,
ווען נעמט שוין אן ענד!

אָמ נעם איך אוועק די האנט פון דעם הארץ,
זאָל שטארבן מיין בלוט!
איך זע ווי מיין שוועסטער איז בלייך,
זי זאָגט גאָר ניט אוים . . .
מיין מאמע פארצערט
אן אָפּשיין פון מענש, איז קראנק, אזוי קראנק.
אָ, זאָל עס שוין ווערן פארברענט!
זאָל ווערן צו אש מיין שטילער געדאנק,
זאָל שטום זיין מיין קעהל! . . .

א רעגן

גאָט האָט געגעבן א רעגן, א רעגן,
לויפט זיך דער רעגן אויף אלעמענס וועגן,
איינעם באפרוכט ער זיין פעלד און ד'עם זאנג,
און איינעם באלוינט ער מיט בלאָטע זיין גאנג . . .
גאָט האָט א רעגן געגעבן . . .

גאָט האָט געגעבן פון פריידיגע שטערן,
אין אלעמענס אויגן באהאַלטענע טרערן . . .
איינעם פון שטראָמען וואָס פליסן ווי שטראלן,
און איינעם פון חושך — די בליקן וואָס פאלן . . .
פון פריידיגע שטערן.

די וואנט . . .

ביי דער שטיינערנער וואנט,
וואו האס איז פארזייט,
שטייען מיר אלע און ווארטן.
עס באוועגט זיך א האנט
פון מענשלאכער קייט,
און דראָעט צוימען פארניכטן . . .
עס טראָגן זיך דורשטיג,
טונקעלע שאָטנס,
אהין און אהער מיט געווער.
א רעגן ! א רעגן !
א בלוטיגער רעגן,
און אויך א פארגליווערטע טרער . .

פראגמענט

אז דער צוקונפטדיגער היסטאָריקער
וועט קומען צייכענען די יאָרן נײַנצןפערצן,
ביז די יאָרן איצטערדיגע נײַנצןזיבנאונצוואנציג,
וועט ער האָבן צו פארצייכענען שווארצע פלעקן,
וואָס וועלן אויסזען ווי לעבער אין שווארצע
לבנהלאָזע נעכט . . .

און וועט ער א שפּריז טאָן מיט זײַן פען
אין דעם גרויסן טינטער,
און זיך אָפּשטעלן אויף א רגע,
וועט א פאָל טאָן מיט אימפּעט
פארגליווערטע טראָפּנס בלוט,
אויף דעם ווייסן בלאנקענדיגן העפט.

וועט ער אָבער מוזן צייכענען,
ווייל אויף אים איז געפאלן דער בארג פון אלע דורות...
שווער וועט אים זײַן צו טראָגן די משא,
נאָר אז דער גורל זאָגט: טראָג!
מוז מען טראָגן . . .

וועט ער זיך אָננעמען מיט גאנצע הויפנס,
צעבלוטיגטע און צעוויטאָגטע שטיקלאך הערצער,
און א פאָך טאָן מיט דער פארגליווערטער פען,
ווי עס טוט א פאָך די שווארצע קראה,
נאָך א פעטן פליישיגן אָנבייסן . . .

וועט ער זיך אָננעמען מיט גאנצע הויפנס,
צעלעכערטע שטיקלאך הערצער
און טראָגן — — — טראָגן — — — טראָגן . . .

איבער דער גאָרער וועלט און אין דער וועלט — פון איצט;
אומעטום, אין יעדן ווינקעלע פון דער וועלט.
וועט ער א טאפּ טאָן מיט זײַנע דארע פינגער,
און א וואָרף טאָן שטעט און דערפער,
און הײַזער און מענשן צוקאַליעטשעטע,
אויף זײַן וועלט . . .

די שטעט וועט ער׳ איינטיילן לויט דעם סדר
און שטייגער פון זיין סטיל, —
ווי עס פּאַסט פאַר אַ מענטשן וואָס ווייסט . . .
און די איבעריקע זאַכן, אָפּגעווישטע, צעטריסלטע,
וועט ער אויך איינטיילן
ווי געהעריק . . .

די שטעט זיינע וועלן זיין אין פייער
פון צעשמאָלצענע רויטע סילועטן . . .
רויט — שאַרליך רויט וועט זיין דער הימל,
און צעפלאַמטע רויטע טייכן וואַסער,
וועלן זיך קאָכן אַרום די שטעט
אין אַ זודיקן כעס . . .
דערפאַר וועלן זיין אַרומגערינגלט מיט שוואַרצע ווינטמילן
און די ווינטן וועלן אַרויסטאַנצן אין אַ ווירבל-טאַנץ,
נאָר די פליגל וועלן זיך ניט אַ הויב טאָן פון אָרט . . .
ס׳וועט זיין אַ גרויס ווייטאָג צוצוקוקן ווי די פליגל
וועלן זיך ניט רירן פון אָרט.
פאַרטשאַדעטע, רויכיקע פליגל ווי אָפּגעברענטע קוילן
וועלן הייגען אין לופטן . . .
און די מענטשן פון די קונפטיקע מענטשן,
וועלן זיך וואונדערן אויף די משונה׳דיקע
פאַרסטאַרטשטע אָדלער פליגל . . .

פון די הייזער וועט ער האָבן הויפנס לעכער,
ווענט פון לעכער,
טירן-לעכער און קוימענעס שוואַרצע,
צעפאַלענע ציגל . . .

און די מענטשן, — יאָ דאָס וועט שוין זיין אַביסל
שווערלאַך צוצוטרעטן צו דעם מין . . .
פונדעסטוועגן וועט ער זיך אַ נעם טאָן
און אָנטאָן אַ כוח . . .

די מענשן וועלן גאָר קיין מענשן ניט זיין, —
ניט מיט דעם אויסזען
און ניט מיט דעם סדר פון מענשלאכקייט . . .
קופּעס גאנצע, קופּעס טויטע מענשן ווי נבלות ,
וועלן ליגן אויף האַרטער ערד,
און קראען ארום זיי וועלן הוזשען און ראשן . . .

די גויעם וועלן שוין אנדערש אויסזען,
מיד און אָפּגעקילט פון צאָרן און גאל,
וועלן זיי זיך ארומשלעפּן איבער די וועגן,
איינאָטעמען דעם פוילן געשטאנק
פון די צעביילטע און צעריסענע שטיקלאך פלייש
פון די טויטע "זשידעס" . . .

ס'וועלן זיך אויך געפינען אזעלכע גויעם
וואָס וועלן זיך שעמען צו ווייזן דאָס פּנים,
פאר דער זון און טאָג . . .

מיט א ווייטאָג אין הארצן,
וועלן זיי, דערשלאָגענע, ניט קאָנען צוקוקן
דעם גרויסן בראָך און שאנד
אין זייער לאנד . . .
ס'וועט דאָס אומשולדיג בלוט פון די אידן
שרייען פון דער ערד.
די געשענדעטע אידישע טעכטער
וועלן אויסשווייגן דעם גרויסן צאָרן קעגן זיי . . .

דאָס וועט דעם היסטאָריקער שוין גאָר צעטומלען.
ער וועט בלייבן זיצן פארשטארט
און די פען וועט ארויספאלן פון האנט . . .

נאָר אז דער גורל זאָגט : טראָג !
מוז מען טראָגן . . .
ס'וועט פלוצים א פאל טאָן א שטיק ליכט,
א העלעס, א פלאמעדיגס.

יונגע מענשן, מונטער פון פלאם און פייער ארוים
וועלן דורכשפרייזן, —
מיט ליכטיגע אויגן און גרויס האפענונג.
ס'וועלן טאנצן שורות איז גזאנג,
און די טריט וועלן אפהילכן מיט גרויסן רוף:
מיר קומען! מיר קומען!

דאָס לאנד דאָס פארוואָגלטע וועלן מיר אויפלעבן!
די שטרויכלונגען מיר וועלן באזיגן!

און ס'יועט אויסוואקסן פאר דעם היסטאָריקער
דער גרויסער באגער פון — יענע — מענשן
אין קאָלאָסאלן גרוים.
און ס'וועט זיין פאר אים אפילו שווער צו באנעמען —
ווארים דאָס גרויסע וואונדער וועט פארבלענדן...

פון פייער און פלאם
וועלן די מענשן ארוים געלייטערטע.
ס'וועט זיך אָנהויבן דאָס נייע קאפיטאל
אויף וועלכן ער וועט שוין ניט רעאגירן,
ווייל ער וועט שוין זיין מיד און אויסגעשעפט.

עס וועט דאן אויפשטיין אַן אנדערער
און וועט באלויכטן ווייטער.
ווייט ,ביז דער אייביגקייט,
אָן אויפהער און אָן אויסלאָז,
אייביג... אייביג...

אויסברוך

מיינע לידער —
וואו די זון צום ערשטן מאָל צעגליט,
פורפור שטראלן,
פון די ריינסטע הענט געהיט . . .

ביי דער נייער צייט

פּאָעמע

פּרץ — א יונגער מענש.
בת־שבע — די טאָכטער פון יוגנט.

בילד

לעבן ים, ביים שפּראַץ פון טאָג. אויף א גרויסן שטיין זיצט בת־שבע מיט די אויגן געווענדעט צום מזרח־ראַנד פון הימל. זי זעט אויס ווי זי וואָלט וואָס זוכן. ביים אָנהויב איז דער הימל פינסטער־בלוי. נאָר צו מזרח מינעט זיך א ליכטיגער פּאַס ווי א רעגנבויגן. עס ווערט וואָס אמאָל ליכטיגער. פּרץ וויקלט זיך ארויס פון דער פינסטערניש און גייט מיט א לאַנטערן צו דער ריכטונג וואו בת־שבע זיצט.

פּרץ (ווייט פון איר און נאָענט צו איר): געפינסט זיך דאָ ?
איך האָב געוואוסט אז דו מוזט ערגעץ זיין,
ס׳האָט מיר דיין דאָ זיין אויף א האָר ניט איבערראשט.
ווען איך האָב זיך פאַרטראַכט דאָס ערשטע מאָל,
אז זוכנדיג קאָן איך געפינען דיך,
האָב איך אין שטערונגען פאַרגעסן זיך . . .

כ׳האָב געזאָגט: ביזט דאָ, און האָב געלאָזן זיך אין וועג.
ביים ערשטן שפּראָץ פון טאָג האָט שוין געשפּרייזט מיין טראָט
ביים ערשטן טרוים אין מיר
האָט שוין געגליט דיין רוף . . .

די אלע פייערן וואָס גליען אויף
האָב איך אינאיינעם אָנגעזאמלט אין מיין האַרץ.
כ׳האָב אויפגעפלאַמט אין מיר דאָס העלע בענקעניש
און אויפגעגאַנגען זוכנדיג . . .

די שווארצע נאַכט וואָס שפּרייט זיך אויס פּאַמעלאַכן
האָט זיך געלייגט אויף מיינע טריט,
נאָר גייענדיג האָב איך דערפילט די זיכערקייט,
ווייל אויפגעפלאַמט האָט זיך אין מיר
מיין אייגנליכט . . .

איך האָב געפילט אין זיך דאָס ווארימקייט
וואָס הויערט שוין פון אלע ווינקלען לאנד.
דעם מאָרגנרויט האָב איך דערזען
נאָך פאר זיין אָנקומען . . .
״עם אָנזאָג פון דעם יונגן טאָג
האָב איך געהערט נאָך פאר דעם אויסרופן.
איך האָב געהערט דעם שטילן קוואל,
וואָס פליסט צווישן פעלזנשטיינער דורך צום ים.
ס׳איז שווער, ווייזט אויס, זיך דורכשלאָגנדיג.
נאָר —
דורך די שפאלטן שלאָגט זיך דורך דאָך דער קוואל . . .

אזוי באהעפט זיך טייך מיט ים,
אזוי באהעפט זיך הארץ מיט הארץ,
אזוי באהעפט זיך בענקעניש
מיט די פארלאנגען פון א לויטער הארץ . . .

און האָט מיין הארץ געציטערט דאָ
פון שטילן ספק אָפגעשוואכט.
האָב איך מיין האָפן אויפגעבליט,
האָב איך מיין בלוט דאָ אויפגעבליט . . .

און ווען דאָס בלוט פון מיינע פיס
האָט אָפגעפארבט דעם גרויען וועג,
און ווען די וואונדן האָבן זיך צעגליט אין שווערן פיין —
האָב איך דערשטיקט אין זיך דעם זיפץ,
און אויפגעגאנגען דאָך פאר דיר . . .

בת-שבע :
קום נעענטער,
כ׳האָב אויך די אויגן אויסגעקוקט, —
ס׳איז שווער צו רוען — אויף א שטיין . . .

די צייט איז אומרואיג אצינד,
עס רוישט אזוי דער ים . . .
כ׳האָב אויף דיר געווארט —
ווייל צוגעזאָגט האָסטו מיך צו נעמען
צו דיין לאנד . . .

אין אונזער לאנד האָט אויפגעהויבן זיך דער ים
און רוישט אזוי . . .
ס'איז שווער צו לעבן דאָ ביי אונז,
ווייל פרעמד איז שוין דער שטיין
וואו איך פארווייל . . .

און דאָך — — —
ס'איז אומרואיג אזוי מיין הארץ,
עס שרעקט א בלינד געפיל
מיין ליכטיג אויג . . .

פרין)צוטרעטנדיג נעענטער(:
און וואָס וועט זיין ?

בת-שבע :
זיך אויפצוהויבן און צו גיין
איז דאָך מיר שווער . . .

פרין :
עס ענדיגט זיך דאָס שפיל,
ס'איז גאָרניט אזוי שווער.
אָט הויב זיך אויף און זאָג צו זיך :
איך וויל זיין פריי . . .

בת-שבע :
איז זאָגסטו צו מיר אייביג זיין געטריי ? . . .

פרין :
האָסט מיין וואָרט.
עס קאָן דאָך מער ניט זיין אזוי.
נאָר אומעטיג באדארפסטו ניט צו זיין.
איך וויל אז אויפגעראַמט זאָל זיין דיין זעל . . .
דיין אומעט-שטריך וואָס שווארצט זיך אין דיין אויג,
זאָל ניט באלייטן דיך.
ס'איז שווער דער ערשטער שפאַן ביים שוועל,
נאָר ווען דו טרעטסט ארויס
לויכט אויף די אייביג העלע זון . . .
איך וויל דיך בעטן בלויז איין זאך :

קום מיט מיר אראָפּ צום וואסער שטראָם.
איך מוז דאָס בלוט וואָס טריפט פון מיינע פּיס
צעוואשן אין דעם זילבער־שוים . . .
ס'איז פינסטערלאך אצינד,
נאָר ווען דער טאָג וועט אויפשיינען
וועסטו ערשט קאָנען זען
די וואונדן אויף מיין גוף . . .

בת-שבע:
ניט שרעק מיך מיט דעם וואָרט פון בלוט,
איך קאָן ניט הערן, —
ניט דערמאָן! . . .

פּרץ:
עס מוז די אומרו פון דער צייט באלייטן דיך
ווייל דורך אומרו קומט די רו.
ביזטו שוין פארטיג צו דעם וועג?
דער אומרו איז שוין איינגעשפּאנט,
צי ווילסטו בעסער גיין צופוס? . . .

בת-שבע:
עס קאָן זיין אז איך בין שוין בארייט,
און אפשר ניט . . .
איך ווייס אליין ניט וואָס צו טאָן —
שטרעק אוים דיין האנט און לאָמיר גיין.

(פּרץ גיט איר די האנט. זי הויבט זיך אויף לאנגזאם פון שטיין און זיי גייען אָפּ. פון איבער די בערג גייט ארוים די זון מיט א שטראליגן אָפּגלאנץ).

פּרץ:
זעסט, די נייע צייט קומט אָן אין העלן ליכט,
און דו מיט מיר באטרעטן שוין די נייע שוועל . . .

בת-שבע:
אָ, ווי ליכטיג דאָ אזוי!
מיין טראָט איז גרינג —
איך גיי
מיט דיר . . .

פון אויבן . . .

פארבאהאלטן שוין פון יאָרן
שיינט א צויבער דאָרט פון אויבן.
מיינע לידער ווי די טויבן
האָבן פליען זיך געשוואָרן.

פליען זיי אצינט וואָס העכער,
רוף איך אלע קאָלעקטיוון.
לאָמיר שוועבן העכער, העכער.

העכער — — — העכער —
דורך א גייסטרייכער אילוזיע.
דורך א פארביגער פאנטאזיע,
טרעף איך דאָך צו מיינע ברידער . . .

זינגען אלע מיינע לידער . . .

מיר זיינען . . .

מיר זיינען פון די וואָס פינקלען אריבער
די הויכן פון שפיץ-בערג, די פלאכן פון נידער.
פון אונז איז דער טרויער א שטראליגער גלאנץ,
פון אונז איז די פרייד ווי פון קינדער א טאנץ . . .
עס באגלייט אונז א גלויביגער רייטער
וואָס ליכטיגט אצינד און ליכטיגט אויף ווייטער,
רייטנדיג ווארפט ער אויף אונזערע שטעגן
פלאמענדיג ליכט צו די העלערע וועגן . . .

רוסלאנד

רוסלאנד !
אויף דיין פענסטער א ציטער פון א שטראל
און א שאָטן אין ווינקל.
און דער זייגער האָט געקלונגען :
רוסלאנד ! — — — —
רוסלאנד ! — — — —
רוסלאנד ! — — — —

געשווינדער אייל זיך, ציטערדיגער זיך אייל
אין דעם נאָר־וואָס אויפגעלויכטענעם פינקל!
דער ערשטער שטראל האָט שוין ארייגעדרונגען
אין רוסלאנד — — — — — — — —
אין רוסלאנד — — — — — — — —
אין רוסלאנד — — — — — — — —

מיין ליד

צום געזאנג פון דיינע האָרעפּאשנע הענט
און צו דער פרייד פון דיין פארלאנג —
מיין ליד.

צום געזאנג פון דיינע שווערע טריט,
אויף הארטער ערד און שווערן וועג —
מיין ליד.

צום יובל פון דיין זיג
פון אָפּגעווישטער זאָרג —
מיין ליד.

איך, געקריוודעטער . . .

איך, געקריוודעטער, אין צאָרן
הויב אצינד די רויטע פאָן.
פון א נייעם לעבנסשטייגער,
זאָג איך אָן!

ווי דער דורשט צום פרישן ברונעם
קום איך אָן מיט גרויסער פרייד.
איך ווייז אצינד אן אָפן פנים
אין די רייד . . .

ס׳איז ליכטיגער געוואָרן...

ס׳איז ליכטיג געוואָרן
דורך א נאכט.
אייביג איז ניט חושך,
ניט גענארט . . .

שווארצע כוחות בילן,
בילן ווי די הינט.
ניט דערשראָקן, ברידער !
ס׳איז א ווינט . . .

ווייסער שניי . . .

אין דרויסן פאלט א ווייסער שניי,
ברידער, האלט זיך אין א ריי.
מוטיג, ברידער, אָט אזוי !

אין דרויסן שפּילט א רוי געדריי
דארף מען אויפגערעגט ניט זיין.
מיר זיינען מוטיגער פאר זיי !

ס׳פאלט א ווייסער שיין אראָפּ,
אויפגעהויבן שטאָלץ דעם קאָפּ, —
ס׳איז ווייסער שניי . . .

איך זאָג

1

איך זאָג אז אויפגעבליקט אצינד
האָט שוין מיין ליד אין ווייסן שיין.
און אָט דאָס ליד וועט שפּרייטן זיך
ווי לאנג דאָ לידער וועלן זיין . . .

יאָ, אייביג וועט דאָ זיין א שיין, —
און ווען איך וועל ניט זיין דאָ מער
וועט זיין מיט אייך מיין העלע ליד
פון מיין געזאנג און מיין באגער . . .

2

קום מיט מיר אצינד אין מיינע וועלטן,
קום אוועק פון דאנען, ווייטער, ווייטער.
דאָס נעבלדיגע וואָרף אראָפּ פון זיך,
און דאָס ליכט פון דיין נשמה לייטער . . .

אנטפּלעק די פרייד פון לידער פאר דער וועלט,
ווער עס איז מסוגל זאָל געניסן.
און ווער עס וויל די וואָך אין זעל,
זאָל צו אונזער יום־טוב זיך ניט גריסן . . .

3

צי זעסטו די לידער, דעם פּורפּורנעם שיין,
דעם גאָלדענעם שימער, העל פון דער ווייטן ?
דאָס האָט אונז א האנט א וואונדער באוויזן,
אָט זע ווי די וויזיעס זיך שפּרייטן . . .

דאָ איז דער נעבל שווארץ, אזוי גרוי !
ווייטער איז פארביג — געבונדענע שטראלן.
פריידיגער, פריידיגער! זע נאָר דאָס ליכט,
זאָל ניט דער אומעט באפאלן . . .

4

שטראלנדיג ליכט, ליד פון מיין טרוים,
לאָמיר באגריסן די פרייד.
דיין אומעט באגלייט שטילערהייט,
די פרייד נעם אויף אין דיין זעל.
אָט לייכט אויף א שטראל אין מיין אויג,
זעענדיג דיך ביי מיין שוועל . . .

5

ווילסט הערן מיין ליד פון ציטערדיג הארץ,
טאָ טוליע זיך איין אין מיין שוים.
ווילסט הערן א ציטער, א געטלאכן קלאנג,
טאָ רוף מיר די פרייד איצט ארוים . . .

נעם מיך ארום מיט דיין צערטלאכן שטראָם,
היל מיך ארום מיט דיין פייער.
א ליד פון א ליד שעפּט גליק אין מאָמענט,
די רגע איז טייער . . .

6

איך באגרים דיך ביים טויער פון געזאנג,
עס פרייט זיך מיין הארץ מיט דיין קומען,
מיין אויג גלעט דיינע גאָלדענע לאָקן,
מיין הארץ איז מיט דיר נאָר פארנומען . . .

און ווען דו וועסט אוועקגיין, וועל איך דיך באגלייטן —
צום ליכטיגן לאנד;
קום לאָמיר באהאלטן א האנט אין א האנט;
קום לאָמיר באהעפטן א הארץ אין א הארץ, —
לאָמיר דעם יום-טוב פארשפרייטן.

צום אויפגאנג

צום געצונדענעם אויפגאנג
צי איך זיך א געלייטערטער,
מיין קראפט, מיין גייסט,
דאָ, אויף דער ערד . . .

ארום מיינע ליפּן-ווינקלען
דער טאָג.
דאָס ווייסע ליכט שפּילט
פרימאָרגנדיג . . .

ראשיג, ראשיג,
פול אין פלאמען,
מענשן, קינדער,
קומט צוזאמען! . . .

אין קאמף . . .

אין קאמף צעגליט מיין טאָג,
מיין ליד באזעלט.
דערנאָך די רו, די שטילע שעה . . .

ס׳פאלט צו די נאכט,
מיין נאכט, —
זי איז באשטערנט . . .

ס׳איז ניט די וועלט פון אונטערגאנג,
עס גלאנצט א ליכט אין ווייט,
דערלאנג ! . . .

ארום מיין אויג, עס שיינט די טרער
א לויכטנדיגע פרייד.
נו שטילערהייט, — נו שטילערהייט,
דער זייגער גייט . . .

ס׳קומט די שעה,
ס׳איז ווידער טאָג —
צום קאמף געגרייט ! . . .

אין כאָר

דער ״פרייהייט״

אין כאָר האָבן אלע געזונגען,
נאָר איך האָב בלויז דיך געהערט.
די אלע וואָס האָבן געליארמט,
האָבן דיין שטים ניט געשטערט.

עס האָט זיך געזאפטיגט דיין אָנזאָג,
אין אויסגוס פון קרעפטיגן קלאנג.
מיין מוזע געפינט איצט א זינען,
דיין קערן איז איצט מיין פארלאנג.

כ׳האָב דיך דערזען אין דעם אמת,
ווייל דו ביזט דער חן צווישן זיי.
דו ביזט פון דער יוגנט דער אויסדרוק,
פון רויזן דער שימער אין טוי . . .

איינמאָל . . .

איינמאָל האָט געטראָפן ווען איך בין בײַם ברעג געשטאַנען
בין השמשות.
דער טאָג האָט דאַן זיך אויסגעלאָשן פּלוצים,
און א שטערן האָט זיך אָנגעצונדן.

איין שטערן בלויז.
און ווייט, אַזוי ווייט, איז מיר אויך אויפ'ן ים
א ווייסער זעגל פאַרשוואונדן . . .

איינמאָל האָט געטראָפן ווען איך בין געשטאַנען
פאַרוויגט אין א חלום:
איז א שטורעם אָנגעלאָפן א בייזער,
און געבראַכט מיר א רעגן.

האָבן זיך מיינע שטילע כוחות אויפגעוועקט
אין א ברויזנדן אומרו.
און פון דאַן אָן וואַנדערט אַרום מיין נשמה
אויף רוישיגע וועגן . . .

איז מיר קלאָר געוואָרן דאָס לעבן
צווישן די מענגעס און רוישן.
ס'איז מיר טייער געוואָרן זייער שטרעבן,
און איך וועל זיי אויף חלומות ניט טוישן . . .

איינמאָל האָט געטראָפן ווען איך בין אליין אין
מיין צימער געווען

(ס'איז געווען אין אָוונט).
א ליכטל האָט געברענט,
און איך האָב עס מיט מיינע אייגענע הענט
אויסגעלאָשן . . .

איז געוואָרן פינסטער אין צימער,
און איך האָב מיין קאָפּ צו דער נידער געבויגן.
פון יענער זייט פענצטער האָט א ווינט אויסגעפייפט

מיינע שויבן . . .

און איך בין געזעסן אליין אין דער פינסטער
צום זיץ צוגעשמידט.

האָב איך זיך פארגעסן — — —
מיר האָט זיך געדוכט כ'האָב אין א מדבר פארבלאנדזשעט,
א דורשט אזא הייסער,
ניטאָ קיין אָאזיס,
אויף די באקן, מיר דוכט, האָבן טרערן
געבריט . . .

בין איך ארויסגעלאָפן
און זיך באהעפט מיט מענשן.
האָט א נס געטראָפן,
ס'איז מיר ליכטיג געוואָרן . . .

***

ניט קלאָג און ניט וויין אויף דיין טאָג,
ניט זאָג אז עס גייט דיר ניט גוט.
עס היינגט דאָרט דאָס גליק אין א וויג,
דערלאנגען וועט דער וואָס האָט מוט . .

דאָס גליק איז פאראן, יאָ, פאראן!

עס הײנגט דאָרט די װיג אויף א קײט,
אין גאָלדענע רינגען געװיגט.
דאָס גליק אין דער װיג װארט אויף דעם,
װאָס קומט װי א לײב און באזיגט . . .

***

מײן הארץ זינגט מיט
אין נײעם לעבנס־גליט.
די מוזיק יאָגט די טריט,
ס'איז גוט . . .
אן אלטע װעלט פארבליט,
א נײע בליט שוין אויף.
צוזאמען ביז אין סוף,
איך בין ניט מיד . . .

***

דורך דעם הײנט צום מאָרגן —
קום ארויס.
צינד דעם פאקל אָן,
און לעש ניט אויס . . .

ס'איז א שטרעקע צװישן,
ס'איז א נאכט . . .
בלאָז זשע העל פאנאנדער,
ניט געטראכט ! . . .

***

די זון איז אויפגעגאנגען העל
אויף רוסלאנדס ערד און איבעראל,
און אויף די װינקלען פון מײן זעל
איז אויך געפאלן שטראל אויף שטראל . . .

די פרייד האט אויסגעזונגען שנעל
אויף אלע טירן פון דער וועלט.
האָט אויך דערגרייכט מיין קליינע שוועל
מיט אָנזאָג פון א נייער וועלט . . .

***

עס ליכטיגט שוין א העלער שטראל,
די האָפנונג רופט; מיר הערן קלאָר —
דאָס גרויסע טרייסט-וואָרט איבעראל.

מיר אלע ווארטן אויף דער שעה
אויף יעדנס מויל דערלייזונג ליגט.
די אלטע וועלט גייט אונטער דאָ,
עס ווערט דער צווייפל שוין באזיגט . . .

אריבער אונז . . .

אריבער אונז א גרויסער בארג.
באוועג דעם שפאן, צעיאָג דעם טראט, —
ארויף!
ווארף דעם שימל, ווארף דעם קויט,
ס'קומט אונז אליך, ס'קומט אונז ברויט . . .
פאָראויס!

ברעך א שטיק פון צאָרן אָפּ
ווארף די זאטע, ווארף זיי טיף, —
נו, ציטער אויף! . . .

זאָל א טרייסל טאָן די וועלט,
באוועגט אויפסניי די לעבנס-שיף, —
נו, רודערט גיך! . . .

פון מיין ארבעטס לוין

1

פון מיין ארבעטס לוין א גאַנצן טאָג,
א פּעקל סיגארעטס, צי אפשר מער.
אויף יעדן טאָג דער זעלבער סכום פון רויך,
עס לייגט זיך אויף מיין הארצן רויכיג־שווער.

2

באַגינען שטיי איך אויף פון נאכט געשפּענסט,
און עפן אויף די טיר פון אונזער ריי.
יאָ, נאָכאַמאָל אין לויף דער קלינג און קלאַנג;
יאָ, נאָכאַמאָל אין יאָג צו שקלאַפעריי.

3

עס גלאַנצט ארויס דער ערשטער שיין גינגאָלד
אריבער דעכער, פענסטער, אלעריי.
נאָר איבער אונז דער שאָטן פון דער וואַנט,
ער יאָגט זיך צאָרנדיג דעם שיין פאַרביי . . .

4

א שאָטן פון א בוים איז דיינס ניט מער,
א רגע אָפּגעקילט, דערנאָך גיב אָפּ.
און ווילסטו ניט ווערט אויסגעהאַקט דער בוים,
און אויסגעוואָרצלט אויך דעם שאָטנס־קאָפּ . . .

5

וואָס איז מיט דיר ?
וואָס שיינט אזוי דיין טרער ?
כ׳האָב גלאַט אזוי צעוויגט דעם אומעט־גרוי . . .
כ׳האָב צעשטויבט בכיון דאָ דאָס מיסט,
כדי זאָלסט אימפּעטיגער לויפן פון דעם מדבר־וויסט . . .

6

אין טאָג, די זון צעשטראַלט אין פונקען גאָלד,
און אין מיין הארצן נאָגט, איך ווייס שוין וואָס.
אזא צעפינקלט ליכט און גרייכט ניט טיף,
ווייל אויף די שווערע הענט אן אייזן שלאָס . . .

***

עס האָבן זיך געשטעלט א טויזנט נעכט ארום מיין שויב,
ווען איך האָב אין דער פינסטערניש די ראָד פאַראויס —
געטאָן א הויב.
געלויערט האָבן זיי און מיך באדראָעט,
ווי שווארצע לאַוועס קאָכיגע אין וואוט . . .

א ווילדער ווינט געריסן האָט דעם דאך פון מיין געצעלט,
און אין דעם ווילדן קוימען האָט דער ווינט
געקערט א וועלט...
שארף און שפיציג ווי מיט העק אין שווערע הענט,
האָט ראש דער ווינט געדראָשן מיר די דינע ווענט.
זיי האָבן מיך געוואָלט צעוואקלען הין און הער,
און איך, באעסטיגט אָנגעלאָדן אין באגער —
בין געשטאנען שטארק,
און ביז אהער ! . . .

*

* *

איך בין אצינד מיט אייך —
וואו מענשן בליקן פאלן מילד און בלויי
ס'איז דאָ צו-וואָס די פליגל אויפצוהויבן,
עס שאלט,
עס רופט,
די מענשלאכקייט
אריבער מיינע טירן . . .

א ווייסער טאָג — — —
די נאכט זאָגט אויכעט אָן,
אז מאָרגן וועט מיט עפּעס זיך באנייען.
די גרויסע מאסע האָפט, און איך מיט זיי —
פון ארימקייט, פון נויט זיך צו באפרייען.

מיר הערן קלאָר דעם ווייטן ניגון,
און מיר ציען זיך דערוויל — — — —
גערילט אין פיינען.
ס'איז פינסטערלאַך אדאָ,
פונווייטנס שיקט דאָס לעמפל שויבן־שיינען.

מיר בלייבן מיד אמאָל, די בליקן פאלן צו,
די טרוימען בלייבן אָבער דאָ מיט אונז.
פון אונזער וועג צעצווייגן זיך פּראָטעסטן,
שטומערהייט צומאָל, אמאָל, אין רוישיגע באגערן . . .

צווייפל . . .

א געהיימנים דורך די נעבלען
שפּרייט זיך לאנגזאם ווי א טול.
ביי דעם אָפּשיין פון די צייטן
ווייזט זיך מיר א שווארצע נול . . .

אויף די הימלען וואלקנס פויזן
ווי די ווערים שלינג און שלאנג.
אין מיין הארצן נאָגט א צווייפל,
רעטזועלהאפט איז דער פארלאנג . . .

כ'האָב געטרוימט פון ווייסע וועגן,
און פון ליכט אויף יעדן טראָט.
האָט דער צווייפל ווי א שטן
אויסגעלאכט זיך און געשפּאָט . . .

ניט געצווייפלט

ניט געצווייפלט יונגע יאָרן,
איבערראשנד קומט די זון.
דורך די שאטנס נעבלהאפטע
קומט דאָס גרויסע וואונדער אָן . . .

זעסט די קנוילן איינגעוועבטע
אין דער גרויער פינסטערקייט.
זיי פארלירן זיך ווי שאָטנס
ביי דער כלה־ליכטיגקייט . . .

באזיגט...

דו האָסט באזיגט פון הארץ די שוועל
און אויפגעעפנט זאכט מיין זעל,
און אָנגעזאָגט אז פרייד קומט אָן —
א לויכטנדיגע ווי די זון . . .

האָב איך פארטראכט זיך און געזאָגט:
עס איז שוין צייט, עס איז שוין צייט . . .
איך האָב מיין ליד פאר דיר געגרייט,
און מיינע אָרעמס אויסגעשפרייט —
דערפרייטערהייט . . .

א. מ. מאנדלבוים׳ן

היל ארום דיינע רייד מיט דיין חן,
זאָג זיי אָן אז א זון קומט צוגיין.
פיר ארוים אויפן וועג דיינע טריט,
פיר אריין דורך דיין שיין, —
און גיי מיט . . .

אידעאל

איבער דער שוועל פון מיין זעל
שיינסטו העל.
שטילערהייט אָן די רייד וואכט מיין פרייד —
ביי מיין טיר איבער מיר . . .

שטארבסטו אָפּ אין מיין בלוט,
שטארב איך מיט.
גייסטו אָפּ, גייען נאָך מיינע טריט . . .

אין א שעה...

אין א אומגעריכטער שעה,
ווען אויפגערעגט איז מיין געמיט,
וועל איך דערזען דיין אָפּשיין דאָ,
פון דיינע לויכטנדיגע טריט . . .

איך אַז אָנגעשטריינגטער ווארט
צו שעפּן פון דער גרויסער שעה,
ביז איך וועל ניט זען דיין טראָט,
וועל איך ניט האָבן דאָ קיין רו . . .

פרייד...

ווי נאָך אן אומגעריכטער פרייד
ציטערט שפּילנדיג מיין זעל.
ווי גוט עס איז צו זען דיין שפּאן,
ווען ווייט אין מזרח פלאקערט העל . . .

עס זעגנט זיך די בלויע נאכט,
די אומגעגנט ווערט פול אין שיין,
און דורך דעם שיין לויכט אויף דיין בליק
מיט פריידיג יונגטלאכן גליק . . .

מאָרגנליכט...

אַט גייט שוין אויף דאָס מאָרגנליכט
דער ערשטער מאָרגנשטערן שיינט.
אַדורך די ריזן הויכע בערג
זיך רירט דער טאָג דער העלער היינט . . .

אַט צינדט זיך אָן א הימל פלאם,
דער טיפער וואלד וואכט אויף פון שלאָף.
מיין שטילע ליד זיך גיסט פון הארץ,
עס הילכט אָפּ מיין לידער-רוף . . .

*
*   *

ברידער מיינער,
דיין נויט פארגליוועט מיין בלוט דורך א קלאנג.
און אז איך ווער בייז,
אויף דיינע רויבער,
פארביים איך די ליפן ביז בלוט,
אזוי ווי אין מערב דער טאָג . . .

ברידער מיינער,
דיין אָרימקייט פאלט אָן אויף מיין ברעם,
ווי א גזלן ביינאכט.
און עס שרייט פון מיינע בלוטן, —
דער פּראָטעסט,
פון דיין פרוי
און דיין קינד . . .

**

מאשינען

מאשינען, עלעקטריק און טעלעפאָן,
און טעכניק וואונדערלאך, און שיין די שטאָט.
אויף בענק צו אלדי שווארצע יאָר פארפלייצט,
ווי טעמפלען ריזיגע צום "נייעם גאָט"...

ווערט העכער וואָס אמאָל די גרויסע באנק,
און אויסגעשפרייטער ווערט די שטאָט, און גרויס.
נאָר איינגעשרומפּענער ווערט יעדנס צאָל
און יעדנס הויז, א נאָרע פון א מויז . . .

שאריע

שאריע שטאָט אין ערשטן שפּראַץ,
מכשפ׳דיג פאַרשפּרייט דיין שיין.
מיט ווילדערניש די אויגן גלאַץ,
און פיר דעם אומרו שנעל אריין . . .

פאַבריקן־פייף אין בלויער שעה,
און רעוועדיגער קלאַנגענרוף.
וועק אויף דאָס קינד אין שכנ׳ס־רו
און טומל אויף דעם מידן שלאָף . . .

*

* *

מיר האָבן זיך פאַר׳עקשנ׳ט,
מער פון טרערן,
דאָ ניט קלערן . . .

אָנגעשטאָלן שאַרף דאָס האַרץ,
קיינעם ניט פאַרגיבן,
און ניט ווייכער ווערן . . .

זאָלן שונאים דאָ ניט מיינען,
אז מיר זיינען גראָז.
קיינער זאָל ניט וואַגן טרעטן
אויפן פוס . . .

*

* *

ניט קיין בעטלער,
ניט באַשיידן !
ניט מיר בעטן קיין געשאַנק.
נאָר גענומען,
ווען מיר קומען
און מיר שיקן ניט קיין דאַנק.
שיקזאַל גרויען
ניט פאַרטרויען
אין דעם שונא׳ס האַנט . . .

צום ארבעטער

דו ביזט דער יחסן,
דו ביזט ווילקאָמען.
ס'קומט דיר דאָס ברויט, די ערד, און די בלומען
און גלאַנץ פון די ים'ען . . .

דו ביזט דער בויער
לאנד און וועלט פון דיין האנט
רינגל ארום דיינע פאָנען,
צעפאָכע די פרייהייט פון לאנד . . .

מיט דעם סערפּ

מיט דעם סערפּ
און מיט דעם האמער
בלאָז פאנאנדער
און פארקלאמער —
און באזיג

צו א וואגאבונד

וואָס גייסטו אום אצינד אין גאס ?
עס איז שוין ברודער זייער שפעט.
עס ווערט דיין קלייד פון רעגן נאס,
צי האָסטו נים א היים און בעט ?

די הימלען זיינען צוגעמאכט,
און די לבנה איז ניטאָ.
עס איז שוין ברודער האלבע נאכט,
און דו האסט נאָך נים דאָ קיין רו.

דער שליח

וועןֹ איך זיץ ביים טיש און עס,
קומט צו מיר א מענש אריין,
מיט פארגלייזטע בליקן צוויי . . .
שווייגט ער שטיל נאָר קוקט אויף מיר,
מיט אן אומהיימלאכן ווײ
וואָס קיין גלייכן האָט עס ניט . . .
קוקט ער, זוכט ער אזוי ווילד —
אויף מיין בים און אויף מיין ברויט,
בלייב איך זיצן ווי געליימט,
מיט די אויגן טיף פארשעמט . . .
פאלן זיינע בליקן שווער
אויף מיין טעלער פרישן פלייש.
וואָס-זשע וויל ער, אָט-אָ-דער !
מיט זיין אפעטיט און גרויס . . .
זיצט דער מאַן, איך קען אים שוין,
בלאָזט ער אוים א וואָלקן רויך —
דורך די שווארצע פוילע ציין . . .
רויכערט, רויכערט, שווייגט און שטיל,
נאָר איך ווייס ניט וואָס ער וויל . . .
צאנקט דאָס לעמפל אין מיין שטוב,
און עס פייפט דער ווינט אריין,
און עס ווערט מיר אזוי שווער,
און עס גייט מיר גאָרניט איין . . .

פאר ברויט

גייען מיר קעמפן
און ס'שפילט איבער אונז א רויטקייט
פון פלאמען.

גרילצט א פאררעטער,
מיר קאָנען זיין פייפל,
מיר קאָנען דיך, פעטער . . .

קעמפן מיר,
די באגערן זיינען פלאמיג געצונדן.
אזא מין רויטקייט, אזא ברידערלאכקייט,
האָט נאָך קיינעם אזוי ניט פארבונדן . . .

ערגעץ ווייט, ערגעץ נאָענט לויפט א וואסער,
א שטילער געמורמל,
דאָס איז דער קוואל.
א שטיקל ברויט,
אביסל לויטערע וואסער
דערווייל . . .

*
*   *

ווען וואָלקנס שווארצע ווי ראבן
האָבן פארכמארעט די רוימען
האָט זיך מיין בלוילאכער וואָלקן
געטונקען אין שווארצע תהום'ען . . .

ווען ברידער האָבן געלויערט
איינער דעם צווייטן פאר'סמ'ען.
האָט זיך מיין צער דאָ געטרונקען —
אין גיפטיגע ימ'ען . . .

אין בלויען וואָר...

איך חלום אויס אין בלויען וואָר
א שווייגענדיגן קאָפּ.
ער רירט זיך קוים — ביים רויען־ראנד,
אָט בויגט ער זיך אראָפּ . . .

קוים ער מורמלט אויס א וואָרט, —
גיי פארשטיי.
ווי א ווינטל אויף א בוים
גיט א וויי.

כאפּ איך אויף זיך,
ווי א וואסער אויפן ברעג,
כוואליעס לויטער, כוואליעס ריין, —
ס'איז גוט אזוי . . .

גיי איך אָפּ אין טאָג אריין,
אָט אזוי אין גרינג געמיט.
גיי אהין און גיי אהער,
און איך ווער דאָ קיינמאָל מיד.

חלומות

זאָל זיך מיר דוכטן...

אָ, זאָל זיך מיר דוכטן אז איך בין געקומען
צו דיר אומגעריכט.
ארום און ארום איז נאָך פינסטער אזוי,
אזוי נעבלדיג גרוי . . .

אזוי נעבלדיג גרוי, —
נאָר פּלוצים לויכט אויף דיין געזיכט ביי דיין טיר,
ווי א שטראל פון דער ווייט,
אין דער נאכטיגער גרוי . . .

יאָ, זאָל מיר דוכטן, אז איך בין געקומען צו דיר
דורך א ליכט.
א פּלוצימדיג ליכט, א טרייסט אין דער שעה;
דיין הייליג געזיכט . . .

יאָ, זאָל זיך מיר דוכטן,
אז דו הערסט מיך אוים.
איך דערצייל אזוי שטיל:

— דער וועג איז אומהיימלאך געווען אזוי פרעמד,
נאָר פּלוצים דערשיינט א שטיבל א ווייס,
גאָר פּלוצים א שיין פון פענסטער ארוים
ווי א ליכט . . .

האָב איך זיך דערפרייט
אָ וואָס פאר א פרייד!
אָ וואָס פאר א פרייד!
מיין הארץ האָט א ציטער געטאָן
און לייכט אין געוואָרן מיין טראָט.
כ'האָב געוואָלט עפּעס ריידן
האָט אויסגעפעלט רייד . . .

עס האָט זיך א ישוב דערזעען,
א ליכטיגער ישוב באשטראלט פון גענאָד,
האָב איך זיך געלאָזן מיט אימפעט אזוי,
מיט פליגל צו דיר . . .
מיט פליגל צו דיר,
ווייל דו ביזט געשטאנען אין ליכט ביי דיין טיר.

איך האָב דיך געפרעגט,
צו דו האָסט געבענקט,
און דו האָסט געענטפערט
זייער געבענקט . . .

אין איינזאמע נעכט אין איינזאמע טעג,
האסטו מיר געפעלט.
כ'האָב תמיד געזוכט, תמיד געהיט,
דעם שליאך פון דעם וועג . . .

און שווער איז געווען מיין בענקשאפט און פיין,
ווייל דו האסט גענומען דאָס הארץ מיינס מיט דיר.
כ'האָב תמיד געהאלטן אָפן מיין טיר,
ס'קאָן טרעפן דו קומסט אזוי פלוצים אריין...

כ'האָב איינמאָל אין חלום געזען דיך ביים טיש,
אין א וואָלקן פון רויך.
האָסט דאמאָלט געשריבן,
געררויכערט א סך.
האָסט בלאס אויסגעקוקט, —
אזוי בלייך,
אזוי בלייך, אין וואָלקן פון רויך . . .

א בענקשאפט אויף דיין פנים,
א בענקשאפט ווי מיין איז געלעגן . . .
כ'האָב געוואָלט צוגיין צו דיר,
נאָר שווער איז געווען,
ס'איז א חלום געווען . . .

א חלום, א ליכטיגער
חלום אין שיין.
דו וועסט נאָך קומען,
דו וועסט נאָך זיין . . .

אָט האָב איך א לעמפל, עס ברענט אין מיין הויז.
כ'וויים דאָך דו בלאָנדזשעסט ארום אויף דיין וועג.
אָ, זאָל זיך מיר דוכטן מיין הויז שטייט ביים ברעג,
און דו האָסט געפונען דיין ליכטיגן וועג...

לייג אוועק

לייג אוועק דיין שיינעם קאָפּ,
אויף מיינע אקסל דרימל איין . . .
חלום זיך פון ווייסער פרייד וואָס שפרייט זיך אויס
אין פרילינגס טעג,
אין יונגע טעג . . .

ס'איז איצט א בלויע נאכט באַלויכטן פון לבנה־שיין,
נאָר חלום זיך פון זוניגע רגע'ס אויפן וואָר.

מיר זיצןביידע — — —
ס'איז שטיל, און גוט זיך איינצוהערן צו דיין אָטעם.
דיין שיינער קאָפּ
אין דרימל רוט אויף מיר.

*
* *

1

מיין ליבסטע איז שיין ווי די שפּראָצונג,
וואָס גייט אויף אין פרילינג אין ליכטיגסטן שיין,
זי האָט ניט קיין פּערל און האָט ניט קיין צירונג,
דערפאר איז איר פּנים נאָך שענער פון שיין...
דאָס הויז וואו זי וואוינט איז טונקל און ברודנע,
די פענסטער זיי זיינען אין שאָטנס פארהילט.

דערפאר אָבער האָט זי צוויי אויגן בריליאַנטן ,
וואָס שטראַלן ארויס ווי א ליכטיגע וועלט...
אירע באקן זיך רויטלען ווי בליענדע רויזן,
איר הארץ איז דער אמת פון לויטערע רייד.
און קום איך צו איר צו מיין שיינער געטרייער,
נעמט זי מיך אויף מיט א קינדערשער פרייד...

2

לאכסטו אסתר זיך פאנאנדער,
ווי א זילבער הילכיג גלעקל,
ווילט זיך מיר א קוש דיר געבן
אין דיין רויזיג זיסן פנים . . .
שטראַלסטו אויף דיין העלן שמייכל
ווי די זון ביים בלויען אויפגאנג,
פילט דיין מרדכי ווי עס גיסט זיך
בונטן שטראַלן אין זיין הארצן . . .

3

וואו איז אצינד דאָס מיידל מיין ?
וואו זוכט מען זי, וואו קאָן זי זיין ?
זי האָט באַגלייט און מער ניטאָ,
פון דאמאָלט אָן האָב איך קיין רו.....
דער טריבער טאָג זיך ציט און ציט,
עס וויינט אין מיר מיין שטיל געמיט —
וואָס הויבט מען אָן צו טאָן ?
עס גייט מיר נאָך איר שטיל געבעט :
דו שלעכטער, דו, ניט גיי אוועק.
וואָס האָב איך דען אזוינס געטאָן,
אז איך זאָל זיין פון דיר געשיידט ?

4

בין אויף דיר אין כעס געוואָרן
און געזאָגט : איך קום ניט מער.
האָסטו גאָרניט מיר געענטפערט,
בלויז באַגלייט מיך מיט א טרער...
בין אויף דיר אין כעס געוואָרן,
איך ווייס אפילו ניט פארוואָס,
בין א היץ־קאָפּ, א קאפריזנע,
טראָג אויף מיר ניט קיין פארדראָס . . .

5

האָב געוואָלט דיר ניט דערציילן
אז איך בין אין דיר פארליבט,
קאָן איך דאָך ביי זיך ניט פועל'ן,
זאָג איך אוים : איך בין פארליבט.
ווייסטו שוין אז איך בין נאריש.
האָב געדיינקט דיר לאָזן וויסן,
דורך א שטומען ליבן בליק,
האָט דער נאר זיך אָפּגעריסן
און פארראטן מיר מיין בליק . . .
איז מיין נאר דעם וועג פארלאָפן.
האָב געזאָלט דאָס שפיל אָן ווערטער
דיר אנטפלעקן אומגעריכט.
האָט דיין ברוינזנד זים געלעכטער
מיינע רייד ארויסגעפירט.
זאָלסט מיך ניט דערפאר באשטראָפן . . .

אומעטיג

אומעטיג באנגליך,
טרויעריג שטיל,
שפילט מיין גאָלדענער פלייט.
א ליד דיר געזונגען,
א פרילינג געטרוימט,
און איצט זיך געשיידט . . .

ווייטאָגדיג
שמארצלאך,
טראָגן די ווינטן די עכאָס אין ווייט:
בעסער איי דיר וואָס פאָרסט זיך אוועק,
ווי איך וואָס באלייט . . .

צו דיר

.ווען איך האָב דיך באַלייט,
האָב איך דיין לעצטן אומעט־בליק געפאַנגען שטיל.
ווען שונאים מיינע האָבן זיך געפרייט מיט מיין פאַרלוסט —
האָב איך געצערטלט שטיל אין זיך דיין אומעט־שטריך . . .
נעבלען האָבן שוין דעם גרויען נעץ געשפּרייט ביי דיר אין לאַנד.
און איך, ביים גרויען ברעג צעשיידט, האָב צוגעקוקט צום מזל מיינס...
נו יאָ. אַזוי באַלייט אַ האַרץ וואָס האָט געליבט,
אַזוי פאַרבלייכט דער אונטערגאַנג ביי זיין פאַרגיין,
אַזוי גייט אוים אַ האַרץ —
צו דיר . . .

אויף די איינזאַמע וועגן

די באַן שטייט נאָך,
דער לעצטער פייף וועט אַפּהילכן באַלד,
און דו וועסט אוועקפאָרן —
ווייטער . . .
זיצסטו ביים פענסטער פאַרטראַכט און פאַרקלערט,
דאָס פּנים בלייך,
און די וויעס עטוואָס פאַרטרערט . . .

רירסטו אָן
מיט דיינע אויסגעצערטלטע פינגער דעם ראָלעט,
זעסטו שוין קיינעם,
ס'איז שפּעט,
ס'איז שוין שפּעט . . .

פאַלט דאָס פּנים צו צום שויב,
פאַלט אַ פּערל טרער.
גיט אַ פייף דער לעצטער פייף,
גייט אוועק די באַן —
אַזוי גלייכגילטיג שווער . . .

*
* *

אויף סאסקאטשעוואנער באָדן
שטייט א הויז א שוואַרצער פלעק.
הימלען בלויע שפרייטן פליגל,
און די ערד א ווייטן וועג . . .

האווקעט באנגליך נאָך א הינטל
ווען עס לויפט די באן פארביי.
שטייט מיין אומעט ביי דעם פענסטער,
מיט פארבענקטע אויגן צוויי . . .

באנגען...

באנגען גייען, באנגען יאָגן,
באנגען גייען אָפּ און אויף;
באנגען פירן, באנגען טראָגן,
נאָר עס קומט ניט ווער עס דארף . . .

הערצער וואכן, הערצער גליען,
הערצער בענקען אָן א שיר;
טעג זיך לעשן, נעכט זיך ציען,
און דו קומסט נאָך ניט צו מיר . . .

א בריוול...

ביז וואַנען איך קריג דיינס א בריוול,
קוק איך די אויגן מיר אויס.
דאָס הארץ מיינס איז קראנק שוין פון ווארטן,
מיין ווייטאָג פון בענקשאפט איז גרויס...

עס גייט אויף א ליכט,
אָט לעשט זיך עס אויס מיר געשווינד.
עס ציען זיך טעג ווי די יאָרן,
די נעכט פאָלגן נאָך אזוי בלינד . . .

בייטאָג מיט דיין נאָמען אין הארצן,
דיין בילד אויף די ליפּן ביינאכט.
עס לויכט מיר צוקאָפּנס מיין בענקשאפט,
ער רוט ניט דאָס ליד מיינס, עס וואכט...

דו ווייסט

דו ווייסט אודאי אז איך ליג א קראנקער אין מיין בעט.
וואָלסט צוגעקומען כאָטש, דערנאָך אוועקגיין צוריק...
די אויגן מיינע האלט איך צוגעמאכט,
און אין מיין בלינדקייט זע איך דיך...
עס איז שוין האלבע נאכט,
עס איז שוין אזוי שפעט.
די שטילקייט שארט זיך און דער זייגער גייט
און בלייבט ניט שטיין.
וואָלט ער שטיין געבליבן כאָטש !
איך קאן ניט ליידן זיין טיק־טיק...
איך טראכט אצינד פון דיר.
און יעדער טיק פון זייגער שלאָגט אויף מיין געדאנק.
אָ, וואָלסטו קומען איצט !
איך בין דאָך אזוי קראנק . . .

דעם שלאָף פארלאָרן

דער וואָס האָט דעם שלאָף פארלאָרן
ליגט זיך אָפנאויגנדיג און שטאר.
אזוי ווי הימלען אָפענע צעליכטיגטע פון שטערן —
וואכן זיינע בלוטן.
דאָס אימפולסיווע בלוט יאָגט אום
דורך טויזנטער פאר׳סודות׳טע באגערן...

ווי שטיל עס איז — — — — — — — —
א ליכטיגע לבנה שיינט אריין און גלעט די מידע רויטע אויגן
מיט לאסשטשענדע קאָלירן.

הויבסטו אויף זיך פון געלעגער מיט א קראנקן הייסן קאָפּ
און ס׳דוכט זיך דיר זי קוקט מיט מיטלייד,
ווי א שוועסטער צערטלנדיג צו דיר אראָפּ.
ווילסטו אויסריידן דאָס הארץ דיינס פאר דער שטילער נאכט,
נאָר ס׳דוכט זיך דיר אז עמיץ פון די ווינטן לאכט...
. . . כא־כא — — — כא !

א טויזנטדיג געלעכטער קראכט.
אויף א שטילער ציַשן פון דער ווייט :
„דו טפּש, דו, פאַר וועמען ווארפסטו דאָס די שטילע „ייִד,
די לבנה איז דאָך בלויז א כּישוף וואָס פּאַרפירט
און די שוועסטער אירע וואָס איז ענלאך צו איר ליכט
איז איצטער אָפּגעשיידט
דורך פעלדער ווייט . . .

מיין גאָלדענער שטערן

אויף אלע וועגן פאלן מיינע בליקן,
ווי די בליצן,
גייט א זילבער־רעגן —
מיינע טרערן.

אין א גאָלדענעם בעכער
פינקלט מיין רעגן :
איבערגעפולט און אריבערגעגאנגען,
ווי מיין גאָלדענער שטערן . . .

אויף אלע וועגן מיינע בענקשאפטן,
ווי דער רעגנבויגן —
ציטערן זיי, זוכן זיי
דיינע ליכטיגע אויגן . . .

מאָרגנזונען, פילפארביגע זונען —
אין מיינע באגערן,
אסטאראלא, וואו זאמסטו,
מיין גאָלדענער שטערן ?

נידערן טעג, פאלן די שטראלן
אריבער די פארנאכטיגע שויבן,
דורך מיין פענסטער שיינען מיינע אויגן ,
ווי טרויער פון בענקענדיגע טויבן . . .

וואו־זשע זאמסטו, אסטאראלא,
מיין גאָלדענער שטערן ?
אויף טאָגוועגן און אויף נאכטוועגן
פאלן מיינע בליקן
ווי בליצן . . .

צובלי

צובלי זיך רויטער, בליענדיגער רויט,
די אויגן דיינע פייכט פון פרייד,
ווי טוי דעם אויפגעשפּראָצטן טאָג . . .

מיט די סאמעט הענטלאך נעם ארום
און זינג דאָס ליד אין הארצן מיר.

א פויגל פון געדאנק פארשווינדט,
עס פלאטערט אויף א רגע און פארגייט.
ניט באדויער,
ס'איז א רגע
פון לייד און פרייד באלייט . . .

שטילערהייט...

שטילערהייט געבענקט אז קיינער זאָל ניט וויסן,
אויסבאהאלטן זיך פון פרעמדע אויגן.
מיט די נעגל זיך דאָס הארץ אליין געריסן,
מיט דעם קאָפּ צום דיל אראָפּגעבויגן . . .

אין דיין בילד וואָס איך וויל זען זיך איינגעגעסן,
איינגעקריצט דיך גוט אין מיין זכרון.
שעה'ן, שעה'ן לאנג א בלייכער אָפּגעזעסן,
ביז ס'איז פלוצים גרויסער טאָג געוואָרן...

דורך דיין פענסטער...

דורך דיין פענסטער וועט דער מאטער שיין
דערציילן מיר אז דו ביזט דאָ אין דר'היים.
האסט אָנגעצונדן האָפנונגען אין דיין לאָמפּ
און געשפּינען זיך א זיסן טרוים...

כ'וועל דערפרייטערהייט צו דיר אריין,
אָט קום איך צו צום הויז — א שיין איז דאָ.
האסטו אזוי געוואַרט אויף מיר א לאנגע צייט,
און איך בין ניט געקומען; בין ניטאָ...

האסטו דיין שיינעם קאָפּ אין קישן איינגעהילט,
און איינגעדרימלט מידער, מידערהייט.
בין איך שוין דאָ; געקומען אומגעריכט,
און דו האסט זיך אזוי דערפרייט...

א הייסן קוש האסטו מיר אָפּגעפּרעסט,
און צוגעדריקט מיך צו דיין ווייסער ברוסט.
אזא געפיל! אזא מין היים און ליב געפיל
וואָס האָט איז זיך אזויפיל פרייד און לוסט...

און ווען עס האָט גענומען שלאָגן שוין אויף טאָג,
האָסטו א פלוצלימדיגע אויפגעוואכט.
דאָס לעמפל האָט געברענט ווי פריער —
און אין דעם מאטן שיין זיך ניט דערוואכט...

* *

צ׳וואָס

צ׳וואָס האָסטו די וויין ליפּן איינגע׳עקשנ׳ט ?
צ׳וואָס אָנזאמלען די קאפריזן ?

נו, גוט,
איך וועל דיך איצט ניט איבערבעטן.

איך האָב ליב ווען דו ציסט אָן אויף זיך
א קינדערשן קאפּריז,
כ׳האָב ליב דעם וואָלקן צייטווייליג אין לעבן...

איבערבעטן דיך אין אויפגערעגטע שעה׳ן,
ניין.
וועל וואַרטן ביז דער וואָלקן פון דיין פּנים
וועט פאַרשווינדן . . .

די לידער פארצערן מיך,
מיינע באקן בלייכן זיך פון לידער,
נאָר עס ארט מיך נישט.

ביי דעם אָפּשיין פון דיין בליק ציטערט אויף מיין הארץ,
ביי דעם אָפּשיין פון לידער ווערט מיין גוף פארצערט,
נאָר עס ארט מיך נישט.

האָב אלע טיפענישן פון מיין הארץ צונויפגעקליבן,
ווי מ׳קלייבט צונויף בלומען — צערטלאך,
האָב זיי אנטפלעקט צוליב דיר . . .

ניין לילית!...

היינט האָב איך א ווילדער ביז׳ן טאָג געהוליעט.
האָט זי געדיינקט איך האָב אין לידער שוין פארגעסן.
האָט זי זיך ווילד אין מיינע אויגן איינגעגעסן,
און קעציש פאלש צו מיר זיך צוגעטוליעט.

האָב איך, בארוישט פון שיכרות דורך דער נאכט,
די פאלשע טומאה הענט וואָס איך האָב פיינט בארירט.
האָט זי געדיינקט זי האָט מיין טראָט פארפירט,
דערביי די ליפּן בלויע צו מיין מויל געבראכט...

האָב איך א בלאסער זיך ארומגעקוקט אין שרעק
און גלייך א שפּיי געטאָן אויף איר אין כעס.
דערנאָכדעם, ווי אן אָפּגעבריטער, אויף דער גאס
אוועק — — — — — — — — — — — — — — — — —

א פייער געמאכט

א פייער געמאכט און געזעצט זיך ביים אויוון,
מיר זיינען צוויי שטילינקע טויבן . . .
דאָס פייער וועט ברענען איך ווייס נישט ווי לאנג ,
און ווען עס וועט זיך לעשן וועטביידן טאָן באנג...
עס מינען זיך רגע׳ס אין ראַזעוון שיין,
ווי זיס איז דאָס אויפגיין, ווי פיינלאך דאָס גיין...
א פייער געמאכט און געזעצט זיך ביים אויוון,
עס האָבן געפינקלט די אויגן ווי טרויבן,
דאָס וואָרט האָט געשוויגן אין ווארימען הויך,
דער פלאם האָט פארבאָרגן דעם קנויליגן רויך.
פארבאָרגענע פלאמען זיי האָבן געבליט,
מיר האָבן זיך שטילע ווי טויבן געהיט...

*

*   *

עס האָט זיך פאַרלאָשן דאָס בליענדע פייער,
צי קען דען אויפבליען א פייער א נייער ?
איינציגווייז, רגע'ווייז פאַלן די פונקען,
עס האָט אין די אויגן דער אומעט געזונקען ·
די רויכן ווי קנוילן געוויקלט אין שווארצן,
עס האָט זיך געדעגט א געוויין אין מיין הארצן.
פארבראָכן די פינגער, דעם קאָפּ איינגעהילט,
פארדריסלאַכער ווייטאָג — — מיין פייער פארשפּילט...

איך וואָלט געוואָלט

איך וואָלט געוואָלט אז אייביג זאָל דאָס ליד מיר זיין
און איך ביים אויפגעבליטן שיין
זאָל קיינמאָל מיד ניט ווערן...

איך וואָלט געוואָלט אז אייביג זאָל דאָס ליד מיר זיין,
און שרעק זיך דאָך : עס קאָן ניט זיין...

עס פרעגט אין מיר :
ווען דו וועסט ווערן בלייך און מיד,
און רוישלאָזער דיין יוגנט-גאנג,
צי וועט אויך דאַן דיין ליבע-ליד
באליכטן אונזער אונטערגאנג ? . . .

עס ענטפערט מיר :
די ליבע פלאמט ווען זי איז יונג,
דער פרילינג שטראלט אין טאָג פון מאי.
און ווען עס קומט די שעה פון הארבסט,
איז אלץ פארביי, איז אלץ פארביי . . .

מיין ערשטע ליבע

מיין ערשטע ליבע לאנג פארלאָרן,
מיין ערשטע ליבע אָפּגעטויט.
אָפּגעווישט פון איר די שפּורן
און פון בליאונג זיך געשיידט . . .

פון א צווייטער זיך דערציילט
און פארגעסן אז "זי" פעלט . . .

העלע זונען אָנגעצונדן,
בלויע טרוימען דאָ פארצערט.
וויפיל וואונדן, וויפיל וואונדן !
וויפיל מאָל די ברעם פארטרערט . . .

דו...

דו האסט אויסגעמישט מיט סם דעם וויין
און מיט די פאלשע הענט דעם כוס דערלאנגט.
עס האָט די רויטקייט, קוועלנדיג מיין אויג געברענט,
און איך האָב טרינקענדיג דיר שטיל באדאנקט...

און ווען דו האסט געזען מיט צאפּלענדיג —
א בלייכן, מיט אַ שטומען שווארצן בליק,
האָסטו אזוי גנב"יש זיך צעלאכט
און רייצנדיג געזאָגט :
איין טראָפּן גליק —
איין טראָפּן גליק . . .

מיין בלויער חלום...

עלעטע:
זע נאָר די חורבה פון מיין פלאמיג הארץ,
עלעטע.
פארוואָס פארגיבסטו ניט דעם פלאם
וואָס האָט זיך אויפגערעגט אין בלויע שעה'ן ?

עלעטע:
צ'וואָס האָסטו באדארפט א פייער אָנצינדן
אין מיין הארצן,
און דערנאָך אוועקגיין ווי א בלויער חלום ?

זע נאָר ווי עס טליעט גוסס'דיג דאָס פייער,
זע נאָר ווי דאָס פייער צאנקט אין בלויען,
עלעטע.

פארוואָס קומסטו ניט באווייגען כאָטש מיין
בלויען חלום ? . . .

לידער אין פּראָזע

ל. שאפירא האָט אוועקגעשטעלט דעם בעכער פון דער אידישער מלוכה, און איך האָב דיר דעם בעכער דערלאנגט. אָט האסטו דעם בעכער, טרינק אוים ביז דעם דנאָ . . .

און ווען דאָס בלוט וועט אויפזידן און די אומרואיגקייט וועט דיך ארויספירן אויף די גאסן וועסו אויסזען א ווילדע . . .

די האלב געקוילעטע און טויטע שפרינגען פאר מיינע אויגן. די פארגליווערטע בליקן פון דער וועלט שרעקן מיך.

און דיך . . .

און דאָס לעצטע וואָרט : שמע ישראל, גייט דיר נאָך און דו שעלטסט דיין געליבטן דערפאר וואָס ער האָט דיר דערלאנגט א בעכער מיט סם...

און דו וויינסט אין דיין צער און דו האסט טענות צו מיר...

און איך וויים: איך בין א שלעכטער . . .

פּראָפּאַן...

איך האָב פון אלעמען און זיך אליין געלאכט. צו "קליינגעלט" זיך דערנידעריגט און קלענער ווי דאָס גראָז זיך איינגעשרומפּן דאָס הארץ מיינס איז געווען פארביטערט און איך האָב מיאוס מיט ליפּן ביטערע גערדט אויף אלעמען און זיך... פון ליבע אָפּגעשפּאָט ווי עס שפּאָט דער לעסטערער צו גאָט... און דו האָסט אויסגעהערט איעדער וואָרט פון קראַנקן הארץ ווי עס הערט זיך צו א גוטער דאָקטאָר ביים פּאציענט... און יעדער ביטער וואָרט האָסטו געלייטערט און געשעצט.

און ווען איך האָב דערוואַכט פון ווילדן כעס, האסטו מיט מילדע אויגן מיך געטרייסט׳ אָט ווי עס וואָלט גאָרניט, גאָרניט וואָלט געשעען . . .

און ווען איך האָב געבעטן: נעם, פארגיב׳ פארגיב, האָסטו זיך גוטמוטיג אזוי צעשמייכלט, ווי עס שמייכלט זיך נאָך א ווילדן טאַט פון א קאַפּריזנע קינד, און געזאָגט:

— עס איז גאָרניט, גאָרניט איז געשעען . . .

און ווען איך האָב געזאָגט פארשעמט: פּראָפּאַן, פּראָפּאַן, האָסטו געזאָגט:

— נישקשה, עס דאַרף אזוי צו זיין . . .

א נאכט

עס איז אזוי פינסטער. דער זייגער קלאַפּט זיין מאָנאָטאָנעס טיק-טאַק. איך ליג אין מיין בעט — די אויגן צוגעמאכט. צעשפּליטערטע געדאנקען פון אויסגעבלייכטן טאָג זיינען נאָך פארבליבן אין מיין מוח און לאָזן ניט די צוגעזאָגטע רו... עס ציען זיך שעה׳ן דורך מיין שלאָפלאָזיגקייט —

וואָס ווילן זיי, וואָס ? . . .

איך האָב עפּעס פארלאָרן, איך האָב עפּעס געפונען. נאָר צו וואָס טויג דאָס מיר אלץ ? וואַרף איך זיך אין נאכטיגן קאָשמאַר ווי א געפּענטעטער לייב. און דער טאָג איז נאָך ווייט...

צו וואָס טויג דאָס מיר אלץ? די געדאנקען זיי נארן, דער טאָג איז א ליגנער —

וואָס ווילן זיי, וואָס . . .

פארטאָג האָב איך איינגעדרימלט און עס האָט זיך מיר געפלאָנטערט עפּעס אזא שווערקייט, אזא אומגליקלאכעס, אזא פיינלאכער ווייי . . .

איך זע ווי אימעצער האָט מיין פריינדין גענומען געפאנגען אונטער גרויע אייזערנע ווענט. פון אונטער די ווענט הער איך א פארשטיקט פארצווייפלט קול: ראַטעווע! ראַ—טע־—ווע! איך גייז ארום די ווענט מיט א פלוך אויף די ליפן. מיט די פינגער רייס איך די ווענט, מיט דעם קאָפּ אין די ווענט, אין די ווענט . . .

איך און דו...

זיינען ריין ווי דאָס פארבנרייכסטע געפיל ביי דעם שפיל פון קינדער.. אזוי ריין ווי דער אידעאל פון די אויפריכטיגסטע פראָפעטן פון אלע צייטן...

ביי אונזער טיש איז דאָך שבת.

ביי אונזערע רייד איז דער אמת באגלייט פון א ליכטיגער פרייד . . .

זאָג מיר אז דו זעסט א ליכט וועל איך זעען.

זאָג מיר אז עס איז טאָג וועט זיין טאָג...

און טרעפסט אז ביזט אומעטיג בענקענדיג שטיל, פיל איך מיט... זיץ איך אויך לעבן דיר מיט שטילע אויגן פארטראכט און עס איז אור־מעטיג ביידן . . .

ווייט...

איך בין דאָך אזוי ווייט פון דיר און דאָך ביזטו מיט מיר. איך הער דיין זאפטיגן קלאנג פון דיין שטים, דיין באגייסטערונג פאר דעם ווייסן... האלטסט א בוך אין האנט מיט מיין נאָמען — אן אויפשריפט. קוקסטו לאנג אויף מיין נאָמען און לייענסט ארויס פון מיין נאָמען וואָס דו ווילסט.

ליכטיגע וועגן מיין נאָמען,

זינגענדיג פריידיג מיין נאָמען,

ליכטיגע טעג אין מיין נאָמען . . .

זון אונטערגאנג...

זון און טאָג, אָ, וואָס פאר א באנג... אויף דעם ברייטן פעלד איינער אליין אזוי פאראיינזאמט... דאָס פארבנשפיל אזוי לעבעדיג רויט און דאָך אזוי נאָענט צום טויט.. עפּעס א מעסער א שאַרפעס איבער די שטיקער בלוט...

רינט דאָס בלוט איבער די פעלדער און וועלדער, טריפט דאָס בלוט . . .

א ריס און א שנייד. ווען איך בין אָפּגעפּאָרן ווייטער פון דיר דורך א ריס ביים אוועקגאנג.

האָט א פייער געברייט אין מיין הארץ און געבלוטיגט האָט מיין זעל, אזוי בלוטיג און רויט...

אָפּט...

אָפּט ווען עס רעגנט זיך אין מירא נייע ליד, ווען איך פיל ווי מיין שאפּונגס קוואל גיסט זיך אריבער

דאן ווייס איך נאָך אלץ ניט וואָס פאר א ליד מיין הארץ וועט אויסזינגען... איך וואָלט גערן וויסן אין וואָס פאר אן אויסזען דאָס ליד וועט זיך אויסגיסן אין וואָס פאר א קאָלירן און פארב, די ליד וועט זיך גיסן... און מיין אייגן בלוט און פלייש די ליד. ווי דאָס קינד אין מוטערס-טראכט...

און איך הער ווי עס רעגנט זיך און איך הער ווי עס באוועגט זיך מיין ליד...

דער טאָג איז א לויטערער

די זאנגען אויף די פעלדער שטייען שוין רייף, די גאָלדענע זאנגען פון זון און פון טוי... א ווילד קאנאדער קאנארי פליט ארום און פלאַ־טערענדיג איבער מיין קאָפּ מיט א שטומער פרייד... איך קוק זיך ארום ברייט און פריי און שיק א גרוס צו אלעמען — צו אלעמען דורך מיין ווילד פויגעלע פון א לויטערן טאָג...

א טרייסט

איך וויל ניט מער ווי זיין צוזאמען מיט דיר. און ווען עס פילט מיין הארץ דעם טרויער פון דער וועלט וועסטו זיין צו מיר א טרייסט. איך בין דאָך מער ניט ווי א קינד צעלאָזטער. שטורמיש איז מיין בלוט און ברויזנד. איין מאָמענט פון פיין צעשטערט מיין רו, מיין ניט דער־פרייטע פרייד . . .

איך בין א כעס'ן און פארזינדיג זיך ווי עס פארזינדיגט זיך א נאר מיט זיינע רייד... איך בין א וואָלקן (זע מיין אויג אין טריבע שעה'ן) און ווען דער וואָלקן ציט אוועק ווער איך געלייטערט אין זוניג פייערדיגע טרייסטן...

מיין פריינט...

אין די מינוטן פון איינזאמקייט איז שטיל אין מיין צימער. זיץ איך ביים טיש מיט אן אראָפּגעבויגענעם קאָפּ און טראכט גייען דורך סילועטן דורך מיין אויג... דערנאָכדעם שטעלט זיך אָפּ מיין פריינט מיט א ליכט אין דער האנט און איך זע: אָט הויבט ער אויף א שווערן שטיין און גיט אים א ווארף מיט אזא אימפּעט. פאלט דער שטיין ערגעץ אראָפּ אין א טאָל און דער וועג ווערט אָפּגעראמט און פריי . . .

הויבט זיך אויף מיין קאָפּ אָדלעריש א שטאָלצער און די פיס פארנעמען זיך א גאנג א פרייען . . .

איך און דו, מיין פריינט, ביידע צוזאמען. דער וועג איז דאָך פריי . . .

הייליג...

מיין ליבסטע איז הייליג פון שיינעם קאָפּ ביז די קליינע זינגענ־דיגע פיס. אירע רייד זיינען ווי א זינגענדיג הארץ פול מיט פרייד... אירע אויגן ווי די פארבנרייכסטע פאנטאזיעס. קוק אריין און זע, קוק אריין אין אירע ברילִיאנטענע אויגן צוויי... זע ווי זיי שטראלן אין שיין פון איר יוגנט... זע ווי שיין זיי זיינען אין די רגע׳ס פון טרויער..

זע מיט וואָס פאר א רחמנות זי טרעט צו צו דער קראנקער וועלט, און זע ווי זי טרעט אויף צום ליד פון פרייד אויף דער וועלט...

זינגענדיג בנעימות׳דיג,
הייליג ! . . .
הייליג ! . . .

מען זאָגט :

ווען מען איז דערוויטערט איז די בענקשאפט פארשארפטער און די ליבע צעפלאמטער. איך זאָג עס איז מיר ליבער דיין אלצאינ־איינעמדיגע ווארימקייט ווי די צעשפליטערטע פונקען פון ווייטן... דערפאר טאקע צי איך זיך שוין צו דיר נעענטער, נעענטער ווי דאָס שטילע וואסער און וועל שוין טאקע מיט מיין אייגענעם ווילן ניט אוועקגיין ווי דער ווינט...

קיין בן־אדם זעט ניט ווי איך צי זיך אזוי. ארום אונז איז דאָך פינסטער. נאָר איך וועל אויפלויכטן מיין אייגנשטיקל ליכט און וועל שפרייזן...

פון דער פרעמד

אז א קינד קומט פון דער פרעמד צו דער מאמען אהיים, לייגט ער צוערשט דעם מידן קאָפּ אויף דער מאמעס שויס און עס זאָגט גאָרניט... דערנאָכדעם אז עס בארואיגט זיך, מורמלט עס אוים פאר זיך אליין:

אוי, אזוי היימיש,
אזוי היימלאך
און גוט . . .

א חלום

איך בין געקומען צו דיר און דו האָסט מיר אויסגעזען פאר־צערט, פון די אויגן האָבן זיך געקייקלט טרערן ווי פּערל. איך האָב לאנג געקוקט אויף דיר מיט אן איינגעהאלטענער ליבע און עפּעס ניט געקאנט צוגיין נאָענט צו דיר.

ווען איך האָב דערוואכט האָט מיך ארומגענומען אזא באנג... און איך האָב אין קישן מיין קאָפּ איינגעגראָבן...

זי האָט געוויינט...

איך האָב איר דערציילט שטילע ווערטער און זי האָט זיך איינגעהערט.

עס איז מיר ניט גוט; נאָך איידער איך בין געקומען אהער האָט שוין מיין מאמע טרויעריגע לידער געזונגען... און ווען איך בין גע־קומען איז קיין פלאַם אין אויוון ניט געווען... קאלט און שטורמיג אין אלע ווינקלען און דער ווינטער האָט דוקא מיט בלומען געשטאָכן דורך די פארנעבלטע פארקאָוועטע פענסטער.

מיין טאטע איז געזעסן אין א ווינקל ווי א שאָטן און געזיפצט.. אויף זיין קיילאכדיגער בלאָנדער באָרד האָט זיך געשפּרייט א טונקל־קייט און אויפן פּנים די זאָרג...

די מאמע האָט שוין קיין כוח געהאט צו שרייען, איז זי געלעגן האלב לעבעדיג, מיט קאלטע טראָפּנס שוויים אויפן שטערן . . .

און פרעגסטו ווי אזוי וואקסן אוים קינדער אין אזעלכע היימען; ענטפער איך, ניט פרעג...

ניט בלוטיג די וואונדן! אוי ריר זיך ניט צו!...

ווען איך בין א גרויסער געווארן איז מיר נאָכגעגאנגען מיין טאטנס מזל און מיין מאמעס טרויעריג ליד...

פון וויגל אָן האָט שוין דער פראָסט מיך באגלייט.

אינהאלט

	זייט
פאר מיין אויג	3
מיין לעצטע שעה	4
אין בלייכן שיין	6
פארוואס	7
זון אונטערגאנג	8
קלאנגען	9
ביים הארץ פון דער וועלט	10
האב איך אמאל געלאכט	14
מיין בענקשאפט	15
איינער אליין	17
עס בלייבט	17
דער זומער	18
כ'האב אויך אמאל געלאכט	18
איך וואנדער מיד	19
דאס ליד פון דער פרעמד	19
פיאנא קלאנגען	22
צו מיין שוועסטער	23
דער היינטיגער נביא	24
וויניפעג	24
ביים בעטעלע	25
* * *	27
ביזט געקומען	28
* * *	29
אין אלע לעבער	33
מיין סך הכל	33
מיין קול	34
קום, שלאג	34
עשו	34
רויט	35
דאס נייע וויגליד	36
אמאל	36
א פייער	37
אויף די אומוועגן	37
אן אבל	37
אויף דעם טורעם	38
דער קוימען	39
אלץ שטארבט אפ	40
די האנט פון דעם הארץ	41
א רעגן	42
די וואנט	42
פראגמענט	43
ביי דער נייער צייט	49
פון אויבן	53
מיר זיינען	52
רוסלאנד	53
מיין ליד	54
איך, געקריוודעטער	54
ס'איז ליכטיגער געווארן	55
ווייסער שניי	55
איך זאג	55
צום אויפגאנג	57
אין קאמף	58
אין כאר	58
איינמאל	59
* * *	60
* * *	60
* * *	61
* * *	61
* * *	61
אריבער אונז	62
פון מיין ארבעטל לוין	63
* * *	64
צווייפל	65
ניט געצווייפלט	65
באזיגט	66
א. מ. מאנדעלבוימען	66
אידעאל	66
אין א שעה	67

II.

זייט

פרייד — 67
מאָרגנליכט — 67
* * * — 68
מאַשינען — 68
שאַריע — 69
* * * — 69
* * * — 69
צום אַרבעטער — 70
מיט דעם סערפּ — 70
צו א וואַגאַבונד — 70
דער שליח — 71
פּאַר ברויט — 72
* * * — 72
אין בלויען וואר — 73
זאָל זיך מיר דוכטן — 77
לייג אוועק — 79
* * * — 79
אומעטיג — 81
צו דיר — 82
אויף די איינזאַמע וועגן — 82

זייט

* * * — 83
באַנען — 83
א בריוול — 83
דו ווייסט — 84
דעם שלאָף פאַרלאָרן — 84
מיין גאָלדענער שטערן — 85
צעבלי — 86
שטילערהייט — 86
דורך דיין פענסטער — 86
צ׳וואָם — 87
די לידער — 88
ניין, לילית — 88
א פייער געמאַכט — 88
* * * — 89
איך וואָלט געוואָלט — 89
מיין ערשטע ליבע — 90
דו — 90
מיין בלויער חלום — 91
לידער אין פּראָזע — 91